# הבינוני

חג הפסח ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון נ ||| שנה ב'

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

פטרון סדר ויקרא
ע"י אחד מבני החבורה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

גליון מוגדל
לכבוד חג הפסח


## ליל הסדר

**והגדת לבנך ביום ההוא לאמר;**
די בעסטע הכנה צום 'סדר נאַכט' איז דורך עפענען אונזער אייגענע הארץ

יום ראשון מצורע ב' ניסן תשפ"ב

א

## לית ליה מגרמיה כלום; די אמת'ע מלוכה קומט פון אַ גענצליכע ביטול פאַר'ן רבוש"ע

### יעדע מצוה דאַרף האָבן אַ ריכטיגע הכנה

מיר גרייטן זיך אויף דעם הייליגן יום טוב, ווען ס'איז דאָ **די מצות עשה דאורייתא פון 'והגדת לבנך'**, איבערצוגעבן פאר אונזערע קינדער דעם סיפור יציאת מצרים.

איינס פון די גרויסע יסודות וואָס דער **בעש"ט הק' ותלמידיו** האָבן שטאַרק אויסגעלערנט, איז דער ענין אַז **יעדע מצוה דאַרף האָבן אַן הכנה!** בעפאָר אַ דאַווענען דאַרף מען לערנען און מאַכן אַ הכנה לתפלה; בעפאָר אַ שב"ק דאַרף מען זיך אַריינלייגן אין אַ מצב פון שבת; און אַזוי ביי יעדע מצוה דאַרף מען מאַכן אַ באַזונדערע הכנה, כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה בשלימות.

### די הכנה איז וויכטיג פאַר דעם עצם קיום המצוה

ווען מ'רעדט אַז מ'דאַרף מאַכן אַן הכנה צו אַ מצוה איז דאָ ביי אַסאַך מענטשן אַ בליק דערויף, כאילו דער ענין פון הכנה איז כדי מ'זאָל קענען האָבן 'געפילן' מיט 'מדריגות' בשעת דעם קיום המצוה, אָבער דאָס איז נישט ריכטיג! באמת דאַרף מען האָבן אַ הכנה פאר דער מצוה, **בלויז כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה בפשטות!** דאָס מציאות הדברים איז אַז **אויב עס פעלט אין די הכנה דעמאָלט פעלט פשוט אין די טעכנישע מציאות פון קענען מקיים זיין די מצוה.**

ס'איז זייער וויכטיג אַז מענטשן זאלן דאָס וויסן, הגם ס'איז אפשר נישט אַזוי באַ'טעמ'ט צו הערן, ווייל ווען איינער פאַלט אַריין אין אַ מצוה שפּירט ער: "עס פעלט מיך אפשר אַז איך האָב נישט די אַלע אורות פון דער מצוה, איך האָב אפשר נישט די העכסטע מדריגה, אָבער זאָג מיר נישט אַז כ'בין נישט מקיים די מצוה געהעריג"... אָבער אויב מ'טראַכט אַזוי, נאַרט מען זיך אַליין.

דער בעש"ט הק' איז נישט געקומען בלויז זאָגן פאר אידן וויאַזוי צו ווערן אַ בעל מדריגה. ער איז געקומען אויך אויף דעם, אָבער **בעיקר איז ער געקומען זאָגן פאר אידן וויאַזוי צו זיין ערליכע אידן!** אונזערע רבי'ס, די תלמידי בעש"ט הק' וואָס מיר לערנען זייערע ספרים, זענען אונז געקומען אויסלערנען **"וויאַזוי צו מקיים זיין מצוות כפשוטו ממש"**. זיי האָבן אונז געלערנט אַז וויפיל מער מען גרייט זיך צו אַ מצוה, אַזויפיל מער וועט מען זיין אַן ערליכער איד און מקיים זיין די מצוה ריכטיג.

### צום 'סדר נאַכט' דאַרף מען האָבן אַ ספּעציעלע הכנה

ווען מען רעדט וועגן די מצוה פון 'והגדת לבנך', ווייסט יעדער איינער פון דעם מושג אַז מ'דאַרף זיך צוגרייטן שיינע וואַרימע ווערטער מיט ענינים אויפ'ן סדר נאַכט. אַן ערליכער איד טראַכט שוין פאר יום טוב, וואָס ער גייט איבערגעבן פאַר זיינע קינדער.

אָבער אַז מ'איז זיך אַביסל מרחיב אין דער מצוה, און אין דעם כח וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר אידן צו קענען מקיים זיין די מצוה, זעט מען אַז **כדי צו מקיים זיין די מצוה פון 'והגדת לבנך' איז נישט גענוג אַ הכנה וואָס מ'קען מאַכן איין טאָג פאַר'ן סדר נאַכט.** מ'דאַרף זיך צוגרייטן אַסאַך מער דערפאַר.

לאָמיר זיך אַביסל פאַרברייטערן אין דעם ענין. צוערשט וועט מען מקדים זיין אַ שטיקל הקדמה מיט ווערטער פון חסיד'ישע ספרים, און דערנאָך וועט מען דאָס מסביר זיין פּראַקטיש, אויף אונזער שפּראַך. ווייל די יסודות זענען נישט בלויז נוגע ביי דעם מצוה פון 'והגדת לבנך'. בעצם איז דאָס אַ כלל ביי אַלע מצוות, נאר ס'איז זייער שטאַרק שייך ווען ס'קומט צו דעם ענין פון סיפּור יציאת מצרים פסח ביינאַכט.

### דאָס מויל איז מרמז אויף 'מלכות'

די אבר וואָס מען נוצט צו מקיים זיין די מצוה פון 'והגדת לבנך' איז **דאָס מויל**. די 'פּה' און דער 'דיבור'. דאָס איז דער כח און דער אבר וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן צו מקיים זיין די מצוה.

ס'איז דאָ **ספרים הק'** וואָס האָבן צעטיילט און מסדר געווען די מצוות לויט די אברים, די מצוות וואָס מ'טוט מיט'ן קאָפּ, די מצוות וואָס מ'איז מקיים מיט'ן מויל, מצוות מיט די הענט, א.א.וו. דאָס גיט אַ גרויסע הבנה צו די מצוה, ווייל דער מענטש פאַרשטייט וועלכע אבר ער דאַרף נוצן און אַזוי ווייסט ער מיט וועלכע זאַך ער דאַרף זיך גרייטן און מיט וועלכע אבר ער דאַרף מאַכן די ריכטיגע הכנה.

### דער דיבור איז אַ הימלישער כח

דער כח הדיבור וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר אַ מענטש איז זייער אַ הויכע און הימלישע כח. ס'איז דאָ אַנדערע כוחות וואָס

מ'קען אויך טרעפן ביי בעלי חיים, אָבער דער כח הדיבור איז זייער אַ הויכע זאַך. **דער אויבערשטער האָט ממש איבערגעגעבן הימלישע כוחות** פאַר אַ מענטש דערמיט וואָס ער האָט אים געשאנקן דעם כח הדיבור.

פונקט ווי מ'פאַרשטייט אַז דער כח וואָס דער מענטש האָט צו קענען מוליד זיין איז אַ הימלישע זאַך. דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר'ן מענטש אַזאַ מין כח אַז ער זאָל קענען ברענגען קינדער אויף דער וועלט, פרו ורבו, דאָס איז נישט קיין געוועינליכע זאַך, נאָר ס'איז אַ הימלישע מתנה. די זעלבע זאַך איז מיט דעם כח פון דיבור, דאָס געהערט אויך צו דער סוגיא פון הימלישע כוחות וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן. דערפאַר ווערט טאַקע דער מענטש אָנגערופן אַ 'מדבר', **ער איז נישט סתם אַ נברא, נאָר ער איז אַ 'מדבר'!**

אָט דער הויכער כח הדיבור ווערט אָנגערופן אין ספרים הק': "מדת המלכות". **די כח הדיבור פון דעם מענטש האָט אַ שייכות און ס'איז יונק פון דעם מדת המלכות**, ווי עס שטייט אין 'פתח אליהו' דאָס לשון "**מלכות - פה**".

## די מדה פון מלכות איז משפיע שפע אויף דער וועלט

ס'איז דאָ אַסאַך אופנים וויאַזוי צו מסביר זיין די זאַך. לאָמיר אַלזאָ דערמאַנען איינס פון די קליינע הסברים וואָס גיט אונז צו פאַרשטיין דעם שייכות צווישן די 'מדת המלכות' מיט 'פה', און דערנאָך וועט מען זען וויאַזוי דאָס איז ממש וויכטיג פאַר יעדן איד וואָס וויל מקיים זיין די מצוה פון 'והגדת לבנך' פסח ביינאַכט און ס'איז אויך וויכטיג פאַר'ן חינוך אַגאַנץ יאָר.

די מדה פון מלכות איז דאָס לעצטע פון אַלע מדות. ס'גייט מיט אַ סדר פון חסד, גבורה, וכו', און מלכות איז דאָס לעצטע. ווען דער אויבערשטער וויל משפיע זיין אויף דער וועלט, גייט די השפעה דורך אַלע מדות, און **די לעצטע מדה פון מלכות ברענגט למעשה אַראָפּ די שפע צו דער וועלט.**

דאָס זעלבע איז ביים מענטש, זיין גאַנצע קאָפּ, זיין מח, זיינע אויגן, זיין אויערן, האָבן טיפע מחשבות און רצונות. אַזוי גייט עס אַראָפּ מיט אַ סדר ביז די לעצטע חלק פון דעם קאָפּ - דער 'פה', וואָס מיט דעם מויל קען מען אַרויסברענגען די רעיונות. אַ מענטש האָט אַ דבר חכמה אין זיין קאָפּ, אָדער ער האָט אפילו סתם אַ טעכנישע זאַך וואָס ער וויל איבערגעבן פאַר אַ צווייטן, צ.ב.ש. ער וויל איינעם בעטן אים צו ברענגען עפּעס. **דאָ קומט אַריין דער מדה פון 'דיבור' דורך די מויל.** די פה האָט אַ ספּעציעלע כח אַז דער מענטש קען אַרויסברענגען זאַכן און דאָס איבערגעגעבן פאַר אַנדערע.

## דער חילוק צווישן מלכי ישראל און מלכי אומות העולם

ווען ס'קומט צו דעם מושג פון 'מלכות', איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן די 'מלכי אומות העולם' און די 'מלכי ישראל'.

**ס'איז געווען צדיקים וואָס אויף די עלטערע יאָרן האָט מען קוים געקענט הערן וואָס זיי זאָגן...**

איינס פון די יסודות'דיגע חילוקים איז ווי פאָלגנד:

ווען מ'וואָלט געפרעגט מענטשן אַזאַ שאלה: "**וואָס איז דיין מיינונג, אַ מלך האָט מער שייכות מיט דעם ענין פון גאווה אָדער האָט ער מער אַ שייכות מיט דעם ענין פון ענוה?**". געוועינליך וואָלטן מענטשן געענטפערט אַז אוודאי האָט אַ מלך מער צוטון מיט דעם ענין פון 'גאווה'. אַ מלך איז דאָך אַ מלך! ער איז בעלעבאָס אין לאַנד און ער פאַרמאָגט אַ גאַנצע פאָלק וואָס דאַרף אים פאָלגן.

מצד שני, ווייסן מיר דאָך אַז דוד המלך רופט זיך אָן: "**ואנכי תולעת ולא איש, חרפת אדם ובזוי עם**". דוד המלך נוצט אַ שפּראַך פון אַזאַ שפלות און ענוה! לכאורה וואָלט מען געקענט צוגיין צו דוד און אים זאָגן: ס'איז טאַקע זייער אַ הויכע מדריגה, אָבער יעדער מענטש האָט זיך זיין תפקיד און זיין שליחות אויף דער וועלט, די מדריגה פון ענווה איז נישט פּאַסיג פאַר קיין מלך!

## די אמת'ע מלוכה ברענגט אַרויס אַז "איך בין גאָרנישט"

אָבער טאַקע די קשיא ברענגט אַרויס און איז מסביר אַז: "**ניין! דו האסט אַ גרויסן טעות אין דעם ענין פון מלכות!**" און דאָ ליגט טאַקע דער חילוק צווישן אַ 'מלך עכו"ם' און אַ 'מלך ישראל'!

אין די ספרי קבלה זעט מען אַז מדת המלכות ווערט אָנגערופן "**לית לה מגרמה כלום**" - עס האָט גאָרנישט אַליין! די לבנה האָט נישט קיין שום אייגענע ליכטיגקייט! ביי קידוש לבנה זאָגן מיר "דוד מלך ישראל חי וקיים", ווייל די מלכות פון דוד המלך איז דומה צו די לבנה וואָס האָט נישט גאָרנישט. עס נעמט די גאַנצע אור פון דער זון, לית לה מגרמה כלום.

וואָס איז פשט דערפון?! לכאורה איז דאָך מלכות דער היפוך פון לבנה?!

נאָר דאָס איז ווירקליך דער חילוק צווישן די מלכי עכו"ם מיט די מלכי ישראל!

## מלכות עכו"ם איז אָפּגעריסן פון השי"ת

ווען דער גוי איז אַ מלך, **איז ער זיך מנתק פון דעם אויבערשטן**. ער זאָגט אַז ער איז דער בעלעבאָס, ער פירט זיך בגדלות און אַלע דאַרפן זיך בוקן צו אים. דאָס איז דער מציאות פון אַ מלך וואָס איז אַ גוי.

אָבער ווען ס'איז דאָ דער מושג פון מלכות ביי אידן, **איז ער נישט קיין בעל גאוה**, ווייל ביי גאוה שטייט דאָך "אין אני והוא יכולים לדור", אויב איז ער אַ מלך מיט גאווה איז ער דאָך מנותק פון דעם רבוש"ע. דערפאַר איז די עיקר תפקיד פון דעם מלך ישראל: צו זיין גענצליך בטל ומבוטל, כעפרא דארעא, צום רבוש"ע - אינגאַנצן!

## די ביטול צום מלך ישראל איז אַ ביטול פאַר'ן אויבערשטן

ווען אידישע קינדער קוקן אַרויף צום מלך ישראל; ווען זיי דינען אים און זענען זיך מבטל צו אים - ווי די הלכה איז אַז מ'דאַרף זיין בטל צום מלך און אַ מורד במלכות איז חייב מיתה עפ"י תורה - איז דער ביטול צום מלך אַ ביטול צום רבוש"ע! פאַרוואָס? **ווייל דער מלך אַליין איז אויך אַ 'תולעת ולא איש', ער טוט אָפּשפּיגלען די מלוכה פון השי"ת.**

פונקט ווי די לבנה איז מקבל פון דעם זון, **אַזוי איז דער מלך ישראל בטל ומבוטל צום רבוש"ע.** די לבנה האָט נישט קיין אייגענע אור, אָבער ווען מ'גייט ביינאַכט און ס'איז טונקל קען מען יונק זיין פון דעם 'אור הלבנה'. **די לבנה ווערט יעצט אַ כלי וואָס העלפט צו קענען זען דעם אור פון דער זון**, אפילו ווען ס'איז טונקל!

דאָס זעלבע איז דער מלך ישראל בטל ומבוטל צום רבוש"ע, און **אַזוי ווערט ער אַ כלי**, וואָס דורך אים קענען אידן יונק זיין כדי אַז זיי זאָלן ווערן בטל פאַר'ן אויבערשטן. אַ מלך ישראל וואָס עס פעלט אים אין דער ענווה קען נישט זיין קיין מלך!

## אַ איד קען בלויז זיין אַן עבד פאַר אַ מלוכה וואָס איז בטל פאַר השי"ת

שאול המלך איז דאָך געווען דער בחיר ה', ווי דער פסוק זאָגט 'משכמו ולמעלה גבוה', ער איז געווען נקי מן החטא און מיר האָבן נישט קיין שום מושג אין זיינע מדריגות, אָבער ווען ס'איז געווען אַן ענין פון נישט פאָלגן דעם רצון ה' איז שמואל הנביא אים געקומען זאָגן אַז פון יעצט קען ער שוין נישט זיין מלך. ווייל אַ מלך ישראל איז **בלויז ווען מען איז בטל ומבוטל צום רבוש"ע אינגאַנצן, אינגאַנצן!** נאָר אַזוי קען ער אָפּשפּיגלען דעם כבוד ה' פאַר אידישע קינדער.

אויב איז דער מלך ישראל נישט גענצליך בטל צום אויבערשטן, קען ער נישט זיין קיין מלך! ווייל בעצם איז דאָך דער כלל אַז "עבדי הם ולא עבדים לעבדים", אַ איד קען נישט זיין קיין עבד פאַר אַ צווייטן. וויאַזוי קען אַ איד יאָ זיין אַן עבד פאַר'ן מלך?! דאָס איז בלויז אויב דער מלך איז 'לית ליה מגרמיה כלום', און **ער איז אַ שפּיגל, אַן 'אספקלריא המאירה'**, וואָס ברענגט דעם אור פון השי"ת צו דעם מענטש. **דאָס הייסט מלכות!** דאָס

איז די אמת'ע מדת המלכות!

מיט דעם יסוד פאַרשטייען מיר אַז ס'איז בכלל נישט דאָ קיין סתירה צווישן גאוה און ענווה לגבי די מדת המלכות. אדרבה: דער מלך ישראל איז בטל ומבוטל פאַר'ן רבוש"ע אינגאַנצן מיט די גרעסטע ענוה וואָס איז דאָ, און **דאָס גופא ברענגט אַז אידן זאָלן קענען זיין נכנע פאַר אים**, ווייל אידן וועלן נישט ווערן עבדים צו אים דערמיט, **זיי ווערן עבדים צום רבוש"ע!** דאָס איז די דערהער פון דעם אמת'ן מדת המלכות.

### די ריכטיגע מלכות איז בלויז פאַרהאַן ביי אידישע קינדער

ביי די גוים איז נישטאָ קיין אמת'ע מדת המלכות. **זיי האָבן בלויז די קליפּה פון דעם מדת המלכות.** זיי האָבן גענומען די 'מלכות' אַליין און געמאַכט דערפון אַ מציאות פאר זיך. דעריבער האָט עס נישט קיין אמת'ע תועלת.

אין די היינטיגע דעמאָקראַטישע וועלט איז נישט דאָ געהעריג די מושג פון מלכות ביי די אומות העולם, אָבער באמת איז קיינמאָל נישט געווען די אמת'ע מדת המלכות ביי זיי, ווייל **די אמת'ע מדת המלכות וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן געהערט צו אידישע קינדער!** מלכות איז אַ כלי וואָס ברענגט אַז אידן זאָלן קענען זיין נכנע פאַר השי"ת.

### די מדריגה פון מלכות ביי צדיקים

די אמת'ע ענין פון מלכות איז אויך דאָ היינט צוטאָגס, ס'איז דאָ ערליכע אידן וואָס אידן זענען נכנע צו זיי, און די צדיקים אַליין זענען בטל ומבוטל פאַר'ן רבוש"ע אינגאַנצן!

אודאי זענען מיר מתפלל זיין אַז ס'זאָל שוין זיין די 'מלכות בית דוד', ווען ס'וועט נתגלה ווערן נאָך שטאַרקער די מדת המלכות. **יעצט אין גלות איז די מלכות 'באתכסיא' און מיר האָפן און דאַווענען אַז ס'זאָל שוין ווערן 'באתגליא'.** די מדת המלכות איז פּונקט ווי די לבנה, וואָס האָט עטליכע סאָרט מדריגות, אָנהויב חודש איז עס קליין און דערנאָך ווערט עס גרעסער.

פּסח ביינאַכט איז די לבנה טאַקע דאָס גרעסטע, ס'איז אינמיטן חודש, וואָס איז מרמז אַז **דעמאָלט שיינט זייער שטאַרק די מדת המלכות** - וואָס איז מרמז אויף דיבור - פּה.

### "זעהסט, ס'איז דאָ אַ שיינע לבנה פּסח ביינאַכט"...

ס'איז געווען אין אַמעריקע אַ פּאַרצייטישער חסיד'ישער איד, הרה"ח רבי **אברהם אלעזר צענווירט** ז"ל, וואָס איז געווען אַ גרויסער יחסן, אַ ראָפּשיצער אייניקל. אָנקומענדיג נאָכ'ן קריג קיין אַמעריקע האָט ער זיך געדרייט ביי הרה"ק רבי **יוחנן מסטאָלין** זצ"ל. אַמאָל פּסח ביינאַכט נאָך מעריב ווען ער האָט באַגלייט דעם סטאָלינער רבי'ן, רופט זיך דער רבי אָן צו אים: "זעהסט, ס'איז דאָ אַ שיינע לבנה"!

אין די געציילטע ווערטער ליגט אַ מורא'דיגער עומק. ווי דער בעל הגדה זאָגט: "יכול מראש חודש"?! אָבער ניין, מ'קען נאָכנישט מקיים זיין די מצוה פון דיבור - פּה, ווייל ס'איז נאָך דאָ אַ קליינע לבנה, אַ קליינע מדת המלכות וואָס איז מרמז אויפ'ן כח הדיבור. פון אָנהויב חודש הייבט זיך אָן די זמן וואָס אַ איד קען זיך אָנזאַפּן מיט די מדת המלכות, אָבער ווען לייכט די לבנה אינגאַנצן?! "תלמוד לומר ביום ההוא" - ט"ו לחודש, ווען די לבנה איז שוין מלא, דעמאָלט איז אונזער עבודה צו איבערגעבן פאַר אונזערע קינדער דעם אור וואָס מיר האָבן איינגעזאַפּט דורך אונזער ביטול צום אויבערשטן, אָנגעהויבן פון ראש חודש.

ב

# דברים היוצאים מן הלב; די אמת'ע כח הדיבור פון צדיקים איז נישט געקומען פון קיין רעטאָרישע כשרונות

### וואָס איז די באַדייט פון דעם כח הדיבור

לאָמיר אַצינד בעסער פאַרשטיין די שייכות צווישן די 'מדת המלכות' מיט אונזער 'כח הדיבור'.

די חיוב פון 'והגדת לבנך' איז אַ מצוה וואָס השי"ת פאָדערט פון יעדן בר מצוה בחור. פון דער מינוט וואָס אַ מענטש איז אַ בר חיובא האָט ער די מצוה פון 'והגדת לבנך'.

אַזוי ווערט גע'פּסק'נט להלכה אַז איינער וואָס האָט נישט קיין קינד דאַרף עס פאַרציילן פאר אַ צווייטן וואָס זיצט דאָרט, און אַז נישט דאַרף ער עס פאַרציילן פאר זיך אַליין. ווייל **יעדער איד דאַרף נוצן דעם כח הדיבור די נאַכט!**

### די כח הדיבור ביי די אומות העולם

צו דערהערן דעם שייכות לאָמיר זען דעם חילוק צווישן אומות העולם און אידישע קינדער לגבי דעם כח הדיבור, וואָס איז נובע און קומט פון דעם זעלבן פּלאַץ ווי די מדת המלכות.

מ'זעט אַז ביי די גוים איז דאָ אַזאַ באַגריף פון אויסטערלישע גוטע רעדנערס וואָס מ'צאָלט זיי ריזיגע סכומים פאר זייערע דרשות. צום ביישפּיל איינער וואָס איז אַמאָל געווען פּרעזידענט אין אַמעריקע וכדומה און אַצינד גייט ער רעדן, קען מען צאָלן אַ פערטל מיליאָן דאָלער פאר אַזאַ רעדע.

ס'איז דאָ אַזאַ מושג פון גוים וואָס האָבן אַ געוואַלדיגע כח צו זאָגן דרשות. מ'קען הערן אַמאָל מימרות פון גוי'אישע רעדנער, וואָס מ'זאָגט איבער יאָרן שפּעטער, אַז ער האָט געזאָגט אַמאָל אַ סטעיטמענט אויף אַ געוויסע פּאָליטישע אָדער אַנדערע טעמע און דאָס געדענקט מען אַסאַך יאָרן דערנאָך. ס'איז דאָ ביי זיי אַ כח הדיבור.

### ביי ערליכע אידן האָט מען געהערט די דיבורים אַליין

להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווען מ'רעדט וועגן הייליגע אידן וואָס האָבן געזאָגט תורה ביי זייערע טישן, וועט מען קיינמאָל נישט אָנמערקן אָדער אַרויסברענגען אַז דער צדיק האָט געקענט מורא'דיג שיין רעדן; ער האָט געקענט האַלטן אַן עולם געשפּאַנט פיר שעה...

אודאי איז דאָ אַזאַ זאַך פון אַ גוטער בעל דרשן, און ס'איז נישט בכלל קיין עולה. ס'איז דאָ מענטשן וואָס קענען פאַרציילן אַ מעשה און האַלטן דעם עולם געפּלעפּט, ווייל ס'איז אים געשמאַק אויסצוהערן, **אָבער נישט אויף דעם לעבן מיר.** ווען מיר רעדן פון אונזערע רבי"ס, בעלי רוח הקודש, וואָס זענען געווען בטל ומבוטל צום רבוש"ע, און מען זאָגט נאָך די דברי אלקים חיים וואָס זיי האָבן געזאָגט פאַר אידן, **לעבט מען פון די תורות, נישט פון די וועג 'וויאַזוי' די תורות זענען איבערגעגעבן געוואָרן!**

נאָכמער, ס'איז געווען צדיקים וואָס אויף די עלטערע יאָרן האָט מען קוים געקענט הערן וואָס זיי זאָגן, ס'איז געווען זייער שווער צו אויפכאַפּן זייערע דברי תורה. ס'איז געווען צדיקים וואָס האָבן נישט געהאַט אַזאַ קלאָרע חיתוך הדיבור און ס'איז בכלל נישט געווען אַזוי געשמאַק צו זיצן און אויסהערן, **אָבער קיינער האָט בכלל נישט געקוקט אויף די אַלע זאַכן.**

### דער דיבור פאר זיך אליינס איז נישט קיין תכלית

אָט די נקודה איז אונז מסביר אַ דבר עמוק עד מאוד:

ס'איז דאָ אַמאָל וואָס איינער זאָגט אַ געוואַלדיגע דרשה, ממש איינס אין דער וועלט, אַלע רעדן דערפון אַז אין די לעצטע צען יאָר איז נאָכנישט געווען אַזאַ שטאַרקע דרשה. **אָבער די דרשה גייט צומאָל אַריין אין דעם גדר פון "מלכי אומות העולם"**. וואָס איז די נקודה פון מלכי אומות העולם?! **אַז מען מאַכט אן עסק פון דער 'מלכות' אַליין.** דאָס זעלבע איז דאָ אַמאָל פון אַ דרשה, אויב דער גאַנצער דגוש איז בלויז אויף די דרשה אַליין.

"מלכי ישראל" איז טייטש אַז מ'איז נישט קאָנצענטרירט בלויז אויף די דרשה. **ס'איז בעיקר נוגע וואָס איז געשען פון די דרשה!** וויפיל יראת שמים איז אַריינגעגאַנגען אין די האַרץ פון די שומעים?! וואָס פאַראַ רושם האָט די דרשה געלאָזט אויף שפּעטער?! דאָס איז מלכי ישראל!

**דאָס איז דער כח פון אַן אמת'ע מדת המלכות.**

### אַ גוטע דרשה באַדייט; וויפיל האָט עס אָפּגעשפּיגלט דעם אור ה'

די תכלית איז נישט אַז די דרשה אַליין זאָל זיין מורא'דיג שיין, ווייל די כח הדיבור פאר זיך איז בלויז ווי די לבנה, לית ליה מגרמיה כלום. ווייסט וואָס הייסט אַ שיינע לבנה?! **אַ שיינע לבנה מיינט: וויפיל מער די ליכטיגקייט פון דער זון שפּיגלט זיך אין דער לבנה.** דאָס איז די דערהערער פון אַ שיינע לבנה! ס'איז נישט די זאַך אַליין, ס'איז די ביטול וואָס די זאַך ברענגט צום אויבערשטן.

ווען מענטשן זאָגן אַז זיי זענען געוואָרן איבערגענומען און אינספּירירט פון אַ דרשה, קען זיין אַז דאָס איז בלויז יעצט אויף דער מינוט. **בשעת ער האָט געהערט די דרשה איז ער מורא'דיג איבערגענומען.** ס'איז געווען זייער באַ'טעמ'ט צו הערן. דאָס הייסט אַז די כח הדיבור אַליין איז געווען גאָר שיין, אָבער אַ איד דאַרף פאַרשטיין אַז די אמת'ע מדת המלכות איז וויפיל ס'איז מצליח צו ברענגען דעם 'אור השמש'.

**די לבנה איז בלויז אַ פּאָסט טרעגער**, די מלכות האָט נישט קיין אייגענע כח, ס'איז אַ מדה וואָס דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין דער בריאה אַז ס'זאָל ברענגען די העכערע ליכט!

### דער עיקר איז דער תכלית פון די דיבורים

דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער: אויב מען וויל וויסן אויף אַ דרשה, צי ס'איז געווען אַ גוטע דרשה אָדער נישט, קען מען דאָס נישט וויסן גלייך נאָך דער דרשה. ווייל וויאַזוי קענסטו דאָס שוין יעצט וויסן?! אויב מיינסטו צו זאָגן אַז די דרשה אַליין איז געווען קנאַקעדיג, איז דאך דאָס "מלכי אומות העולם", **ביי זיי מאַכט מען אַן עיקר פון דער זאַך אַליין.**

הערשט נאָך אַ שטיק צייט, אַ יאָר אַרום, וועט מען קענען וויסן צי די דרשה האָט טאַקע מצליח געווען צו ברענגען דעם 'אור השמש'. ס'האָט נישט צוטון מיט דער זאַך אַליינס, ס'האָט צוטון אויב ס'האָט עפּעס אויפגעטון אויף די הערצער פון די שומעים. דעמאָלט קען מען זען צי ס'איז געווען אַ גוטע דרשה אָדער נישט.

### תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים

דערפאַר זאָגן חז"ל: "**תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים**" - ווען מען פלאַנצט איין אַ בוים, קען מען קודם נאָכנישט וויסן אויב מ'האָט מצליח געווען. **הערשט שפּעטער, ווען ס'וואַקסט אַרויס די פּירות זעט מען אַז עפּעס איז געוואָרן דערפון.**

אויך ביי אַ צדיק איז דאָס אַזוי. וויאַזוי ווייסט מען אַז ער האָט מצליח געווען צו ברענגען אַ קדושה אויף דער וועלט מיט זיין כח הדיבור?! נאָך אַסאַך יאָרן, אפילו נאָכדעם ווען דער צדיק איז שוין נפטר געוואָרן און איז שוין נישטאָ אויף דער וועלט, **זעט מען אָבער וואָס פאַראַ פּירות ער האָט איבערגעלאָזט, וואָס פאַראַ יראת שמים ס'איז געבליבן פון זיינע דיבורים!** אָהע, יעצט

> **"עפּן אַן 'עבודת ישראל', וועסטו נישט טרעפן קיין שיינע מגידי'שע דרשות...**

פאַרשטייט מען אַז דער צדיק האָט געהאַט אַן אמת'ן כח הדיבור, אַ מדת המלכות!

### די רושם פון הייליגע דיבורים בלייבט אויף אייביג

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס צומאָל קען הערן מענטשן וואונדערן זיך: "כ'ווייס נישט, בשעת דער צדיק האָט געלעבט האָט מען נישט געזען צופיל, און יעצט קוק וואָס טוט זיך אָפּ, אַזאַ התלהבות"...

זייער פשוט, ווייל דעמאָלט האָט דער צדיק איינגעפלאַנצט, דעמאָלט איז נאָכנישט געווען די ברכה וואָס מ'מאַכט חודש ניסן "אשר ברא בריות טובות ואילנות טובות", דאָס מאַכט מען הערשט שפּעטער ווען ס'הייבן אָן וואַקסן די פּירות. **דאָס זעט מען הערשט נאָכדעם וויאַזוי ס'האָט זיך געבויעט ישיבות מיט כוללים און אידישע שטיבער בכוחו פון דעם צדיק!**

אַצינד, פערציג - פופציג יאָר שפּעטער, זעט מען וויאַזוי **אידן שעפּן יראת שמים פון ווערטער וואָס מענטשן וועלכע זענען דאָרט געשטאַנען בשעת מעשה האָבן נישט געקענט אפילו הערן וואָס ער זאָגט!** ווייסט פאַרוואָס?! ווייל דער צדיק האָט געהאַט דעם אמת'ן כח הדיבור! ער איז געווען צעטרעטן פאַר'ן רבוש"ע, עפר ואפר.

מיינסט אַז דער צדיק האָט נישט געוואוסט אַז ס'איז נישט געשמאַק אים צו הערן רעדן?! מיינסט אַז ער איז נישט געווען קיין בשר ודם?! נאָר ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען ווייל **ער האָט נישט פאַרקויפט 'זיך'!** ער האָט געוואָלט פאַרקויפן עבודת ה' און יראת שמים. אויב אַזוי דאַרף עס נישט זיין אַזוי געשמאַק!

### חסידי'שע ספרים זענען נישט קיין ספרי מגידים

מ'האָט געוועהנליך נישט געהערט פון חסידי'שע אידן אַז "דער רבי האָט געזאָגט אַזאַ שיינע משל, כ'האָב אַזוי הנאה געהאַט פון דעם משל"... **נישט דאָס איז די וואָרט דאָ!** ס'איז נישט דאָ אַזויפיל משלים אין חסידי'שע ספרים. אין אַנדערע מקומות איז געווען דרשנים וואָס מ'קען טרעפן אין זייערע ספרים גאָר שיינע משלים, אָבער ביי צדיקים איז נישט דאָס געווען די נקודה!

ווען אַ מענטש ווערט הערן דעם נאָמען 'מעזריטשער מגיד', 'טשערנאָבלער מגיד', 'קאָזניצער מגיד', קען ער מיינען אַז מסתם רעדט מען דאָ פון אַ מגיד וואָס האָט געזאָגט שיינע משלים... **אָבער עפן אַן 'עבודת ישראל', וועסטו נישט טרעפן קיין שיינע מגידי'שע דרשות...**

### צדיקים האָבן געהאַט דעם אמת'ן כח הדיבור

פאַרוואָס איז טאַקע אַזוי שווער צו לערנען אַ חסידי'שע ספר?! ווייסט פאַרוואָס?! **ווייל זיי האָבן געהאַט אַ כח הדיבור!** והא ראי' אַז צוויי הונדערט יאָר שפּעטער זאָגן אידן איבער ווערטער פון די צדיקים!

אויב דו קענסט היינט צוטאָגס לעבן און נעמען חיות אויף יום טוב פון אַ וואָרט פון ספה"ק עבודת ישראל, **אוי איז דער צדיק געווען אַ מגיד!** דאָס איז די סימן אויף דעם אמת'ן כח הדיבור!

דער הייליגער **מאור עינים** האָט נישט געלאָזט שרייבן אין זיין ספר נאר אַזעלכע תורות וואָס ער האָט נישט געדענקט אַז ער האָט דאָס געזאָגט. דאָס וואָס ער האָט געדענקט האָט ער געהייסן אַרויסנעמען, ווייל ער האָט חושש געווען אַז אפשר האָט דאָס עפּעס מיט אים, **אויב האָט עס מיט מיר איז עס שוין נישט אינטערעסאַנט!** אַלע דיבורים וואָס ער האָט נישט געדענקט, דאָס האָט ער געלאָזט שרייבן אין ספר, **ווייל דאָס איז געווען דער אמת'ער כח הדיבור.**

### פון די מלכי אומות העולם בלייבט גאָרנישט

אָט דאָס איז דער כח הדיבור. **אַלע אַנדערע זאַכן זענען בלויז 'אַרום' דעם דיבור.** די אמת'ע דיבור איז דער כח פון מדת המלכות וואָס איז דאָ ביי אידישע קינדער. מיר בעטן זיך "רחם נא ה' אלקינו על מלכות בית דוד משיחך", ווייל דוד המלך האָט געהאַט דעם ריכטיגן מלכות, אַלע אַנדערע זאַכן פון מלכות איז גאָרנישט ווערד.

די אַלע מלכים פון די אומות העולם, במשך די געציילטע יאָר וואָס זיי האָבן די מלכות, זענען זיי פאַרנומען צו איבערלאָזן אַ 'לעגעסי', **ווייל זיי ווייסן אַז ס'גייט גאָרנישט בלייבן פון זייער מלכות,** דעריבער ווילן זיי כאָטש ס'זאָל זיין עפּעס רושם. ער אַרבעט צו מאַכן אַ טויש אין דעם 'העלטקעיר' סיסטעם וכדומה, ווייל ער האָפט אַז אַזוי וועט מען אים נאָך געדענקן שפּעטער. אָבער דערנאָך נעמט אַ צווייטער איבער די מלכות און ס'בלייבט גאָרנישט דערפון. מען האָט אים אויסגעקליבן ווייל ער קען שיין רעדן, אָבער **פון די אַלע גאָר שיינע דרשות איז גאָרנישט געבליבן.**

ווידעראום, להבדיל, די דיבורים פון אַ צדיק בלייבט אויף אייביג, **הונדערטער יאָר שפּעטער!** דאָס איז וויבאַלד דער צדיק האָט נישט געזאָגט זיינע אייגענע ווערטער, ער האָט אַראָפּגעברענגט אַ נצחיות דאָ אויף דער וועלט און דאָס בלייבט אויף לדורות עולם.

ג

# ואמרתם זבח פסח; די מצוה פון 'והגדת לבנך' איז נישט בלויז פאר גוטע בעלי דרשנים

### פסח ביינאַכט רופט מען נישט דעם בעסטן בעל מספר

לענינינו: ווען דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן די מצוה פון 'והגדת לבנך', **האָט יעדער איד באַקומט אַ כח הדיבור פון דעם אויבערשטן.** מ'האָט קיינמאָל נישט געזאָגט אַז ביים סדר דאַרף מען ברענגען דעם בעסטן בעל דרשן צו פאַרציילן געשמאַק דעם סיפּור יציאת מצרים...

לכאורה וואָלט דאך געדאַרפט זיין אַז פּונקט ווי ראש השנה ברענגט מען אַ גוטן בעל תוקע צו מקיים זיין מצות שופר, זאָל מען אויך ברענגען אַ גוטן בעל דרשן צו מקיים זיין די מצוה פון 'והגדת לבנך'... **אָבער פּסח ביינאַכט אַרבעט דאָס נישט אַזוי, ווייל יעדער איד האָט דעם כח הדיבור.**

### מ'דאַרף בלויז האָבן דיין האַרץ

מענטשן פרעגן: "וויאַזוי קען איך פירן אַ סדר?! כ'בין נישט דער סאָרט מענטש צו פאַרציילן, כ'ווייס נישט וויאַזוי מ'טוט דאָס". זאָגט מען אים: "האסט נישט פאַרשטאַנען די נקודה. כ'בעט דיך, הייב אן כאַפּן אַז נישט דאָס איז דער כח הדיבור".

וואָס איז יאָ דער כח הדיבור?! דערויף האָבן חכמינו ז"ל אונז געזאָגט: "**דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב**", ווערטער וואָס גייט אַרויס פון אַ האַרץ גייט אַריין אין האַרץ!

דאָס איז זייער פּשוט צו פאַרשטיין, ווייל אַ דיבור מעסט מען נישט אויב ס'איז געווען אַ שיינע דרשה אָדער אַ גוט וואָרט, נאר **אויב ס'קען אַריינברענגען אַ ליכטיגקייט אין אַ צווייטן איד!**

### לאָמיר געדענקן די תכלית פון סיפּור יציאת מצרים

אַמאָל שפּירט אַ מענטש אַז ער האָט יאָ די ריכטיגע כלים, ווייל ער האָט זיך צוגעגרייט און ביים סדר דערציילט ער די מעשה פון די מכות, מיט די בלוט און מיט די פרעש... ער מאַכט אַזאַ מצב דערפון אַז אַלע קינדער האָבן מורא'דיג הנאה געהאַט... **ס'איז אָבער לאו דוקא אַז דאָס איז דער תכלית!** מען מיינט נישט אַוועקצומאַכן, נאר מ'דאַרף פאַרשטיין: "וואָס זוכט מען דאָ אָנצוקומען?!"

אַ אינגערמאַן קען אַמאָל זיין צעקלאַפּט מיט די הרגשה: "אָה, יענער קען פירן אַ סדר, ער האָט די כשרון פון אויפטרעטן, מסתם זענען זיינע קינדער געזיצן ביים סדר פאַרגאַפט און אויסגעהערט יעדעס וואָרט ווי ער פאַרציילט די מכות"... עס קען זיין אַז ס'איז טאַקע אַזוי געווען דער מציאות ביי יענעם אין שטוב. **אָבער נישט דאָס איז דער כח הדיבור!**

### דער עיקר איז 'וויאַזוי' מען זאָגט עס

ס'איז דאך געווען חסידי'שע מקומות **וואו** **מען האָט בכלל נישט אויסגערעדט דעם גאַנצן ליל הסדר.** אַנדערע מענטשן קענען נישט אַראָפּשלינגען אַזאַ סאָרט מנהג: "וויאַזוי קען זיין אַ זאַך?! האסט אַ קפידא מיט אַן ענין, זייער פיין, אָבער מ'דאַרף דאך מקיים זיין והגדת לבנך?!".

אין הכי נמי, נישט איבעראָל האָט מען זיך אַזוי געפירט. אין רוב פלעצער האָט מען יאָ פאַרציילט באריכות דעם סיפּור יציאת מצרים, אָבער זאָלסט פאַרשטיין וועגן וואָס מ'רעדט דאָ; ס'קען אַמאָל זיין אַז אַ טאַטע זאל רעדן דריי שעה, און ס'קען אפילו זיין אַז די קינדער האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ גרויסע פּאָר אויגן, אָבער ס'איז לאו דוקא אַז ער האָט אַזויפיל אויפגעטון!

לאידך גיסא, איז דאָ אַמאָל וואָס מ'איז געזיצן ביי אַ סדר פון אַ איד **וואָס האָט געהאַט אַ צעבראָכן האַרץ פאַר'ן רבוש"ע** און ער האָט געזאָגט די געציילטע דיבורים וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער **ס'איז גוט אַריין אין דער נשמה פון די שומעים!** ווי דער הייליגער **אַפּטער רב** זי"ע זאָגט אין אוהב ישראל, אַז **פּסח ביינאַכט ביים סדר איז דאָ אַ ספּעציעלע סגולה** און אַ כח אַז די ווערטער וואָס אַ טאַטע זאָגט וועט אַריינגיין אין די נשמה פון דעם קינד און עס וועט אים אַריינשיינען אן הארה אַז דער דיבור זאל באַגלייטן דאָס קינד.

אודאי אַז אַ מענטש האָט דעם כשרון קען ער דאָס טון אָבער ער זאָל אַלעמאָל וויסן און געדענקן "וואָס זוכט ער"?! **מאַך זיכער אַז ס'זאָל זיין "דברים היוצאים מן הלב"**, אַזוי וועט עס נאָכדעם זיין "נכנסים אל הלב".

### די הכנה צום ליל הסדר איז צוגרייטן אַ ריינע האַרץ

מענטשן זענען צוגעוואוינט אַז די הכנה צום סדר נאַכט איז דורך זיך גרייטן מיט שיינע טייטשן, ער קויפט זיך אַ נייע הגדה כדי ער זאָל האָבן וואָס איבערצוזאָגן.

דאָס איז נישט אָפּגעפרעגט, ווייל אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן כלים, מ'קען נישט האָבן נאר די אורות. די טייטשן און די גוטע ווערטער איז ווי דער כלי. אָבער מ'דאַרף געדענקן אַז **דאָס איז מער די חיצוניות'דיגע חלק פון דער 'הכנה' אויפ'ן סדר נאַכט.** אויב דו וועסט צוגרייטן 'האַרץ' וועט קענען זיין 'דברים היוצאים מן הלב'! אויב דו וועסט וויינען פאר דעם רבוש"ע אַז זאָלסט קענען האָבן די ריכטיגע דיבורים, וועסטו קענען האָבן אַ ריינע האַרץ צו איבערגעבן פאַר דיינע קינדער.

### מתפּלל זיין אַז מ'זאָל האָבן דעם האַרץ פאַר'ן סדר

דער וויזניצער רבי, בעל **אמרי חיים** זצ"ל, איז יעדעס יאָר געפאָרן קיין מירון בעפאָר יום טוב פּסח, צו דאַווענען ביי רבי שמעון **אַז ער זאָל קענען האָבן אַ ריכטיגן סדר נאַכט!**

ער איז געגאַנגען וויינען פאַר'ן רבוש"ע ווייל ער האָט געוואוסט אַז די עבודה פון פּסח ביינאַכט איז צו זיין אַ פּאָסט טרעגער! **איך זאָל קומען דערציילן וואָס איך האָב צו דערציילן?! וועט עס דאָך נישט לאָזן קיין רושם!** ס'וועט נישט האָבן דעם כח הדיבור צו ליכטיג מאַכן ווען ס'איז טונקל!

אַן אמת'ע שיינע לבנה דאַרף קענען ליכטיג מאַכן אויך ווען ס'איז טונקל, **אַ אמת'ע כח הדיבור דאַרף איבערלאָזן אַ רושם ביים קינד, גם כי יזקין לא יסור ממנו.** ווי קען פּאַסירן דער 'גם כי יזקין לא יסור'?! בלויז אויב ס'איז דאָ אן אמת'ע דיבור, אַזויווי אַ דיבור פון אַ צדיק וואָס לאָזט אַ רושם אויף יאָרן שפּעטער!

אַ איד דאַרף קענען זאָגן אויף די עלטערע יאָרן: "**כ'קען נישט פאַרגעסן דאָס וואַרימקייט וואָס כ'האָב געשפּירט ווען כ'בין געווען אַ קינד פּסח ביינאַכט ביים סדר**". הגם דעם אינטערעסאַנטן משל וואָס דער טאַטע האָט פאַרציילט וועט ער לאו דוקא געדענקן...

### זכרון אַרבעט צוזאַמען מיט'ן רגש

דעריבער זעט מען אַן אינטערעסאַנטע זאַך וואָס דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט אַז **די 'חלק הזכרון' פון דעם מענטש האָט צוטון מיט זיין 'חלק הרגש'.**

מענטשן געדענקן נישט אַזוי שטאַרק טעכנישע אינפאָרמאַציע מיט ידיעות. מ'זאָגט פאַר'ן מענטש אַ נומער וואו צו קלינגען און ער געדענקט עס נישט אַ מינוט שפּעטער. אָבער 'הרגש' געדענקט מען גוט. מענטשן געדענקן אַ זמן וואָס זיי זענען דעמאָלט מורא'דיג נתרגש געוואָרן. ער קען נישט פאַרגעסן ווען ער איז געשטאַנען ביי יענעם מעמד, ס'האָט אים אַזוי איבערגענומען, ס'איז אים גערינען טרערן בשעתו, און **יאָרן שפּעטער געדענקט ער דאָס.**

פאַרוואָס טאַקע?! ווייל זעהט אויס אַז דעמאָלט איז געווען אַ מציאות פון 'נכנסים אל הלב'. דערפאַר איז ער אַזוי שטאַרק נתרגש געוואָרן, און אַז ס'איז געווען 'נכנסים אל הלב' דעמאָלט איז דאך געווען דער ריכטיגער כח הדיבור. **אַ ריכטיגער דיבור פון האַרץ אַרויס, האָט דעם כח צו אַריינגיין און בלייבן טיף איינגעקריצט אין האַרץ.** דאָס איז דער כח פון דיבור!

### אַ ריינער דיבור בלייבט אויף אייביג

די עצה צו אָנקומען צו אָט דעם כח הדיבור איז אַז די דיבור זאָל זיין 'יוצאים מן הלב'. דעריבער, צום אַלעם ערשטן, דאַרף מען וויסן: "אויף וואָס

זיך איך אַן עצה?! איך זיך אַן עצה וויאַזוי מ'קען מאַכן אַז די דיבורים זאָלן אַריינגיין אין האַרץ פון די קינדער אַז זיי זאָלן דאָס געדענקען יאָרן און דורות שפּעטער".

דאָס איז דער כח פון אמת'ע דיבורים. עס קען ברענגען לידי זכרון, אַז דער שומע זאל דורכדעם קענען מקיים זיין דעם 'וזכרתם את כל מצות ה''. אַ ריינער דיבור בלייבט אויף אייביג. **עס גייט אַריין אין האַרץ און עס גייט שוין נישט אַרויס פון דאָרט.** דערפאַר זעט מען אַז אַ דיבור פון אַ צדיק קען איבערלאָזן אַ מוראדיגן רושם.

## איין וואָרט האָט אים געגעבן חיות אויף דריי יאָר

לגבי דעם ענין איז דאָ אַ מעשה וואָס מ'דאַרף געדענקען בעפאָר פסח ביינאַכט:

דער **בית אהרן** פון קאַרלין זי"ע האָט געהאַט אַ חסיד וואָס ער איז אַמאָל נישט געקומען צו אים פאַר דריי יאָר. ווען ער איז שפּעטער אָנגעקומען האָט אים דער בית אהרן געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט געקומען אַזאַ לאַנגע צייט. האָט דער חסיד געזאָגט אַז פאַר דריי יאָר צוריק האָט ער געהערט אַ מימרא פונעם רבי'ן, און דאָס האָט אים געדינט אויף דריי יאָר, ער האָט געשפּירט אַז ער דאַרף נישט צוריקקומען ווייל ער האָט געהאַט אַזאַ חיות פון דעם וואָרט!

ווען דער בית אהרן האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט אַז אויב אַזוי דאַרף מען אָפּשרייבן דאָס וואָרט. דאָרט אויפ'ן טיש איז געווען אַ קבלה ספר "כנפי יונה" און דער בית אהרן האָט דאָס גענומען און אַרויפגעשריבן דאָס וואָרט אויפ'ן אינעווייניגסטן דעקל פונעם ספר. דאָס וואָרט איז שפּעטער געדרוקט אין ספה"ק בית אהרן אויף אידיש: "**וועלכע בריה קען זיך אויפהייבן דינען גאָט, נאר ווי גוט איז צו דינען גאָט ווי מען וויל, און ווען מען וויל, און מיט וואס מען וויל**".

## כח הדיבור קומט בלויז פון אַ ביטול צו השי"ת

דאָס וואָרט האָט אַן עומק און ס'איז אַ גרויסע סוגיא דאָס אָפּצולערנען, אָבער לכאורה קען אַ מענטש זאָגן: "יעצט אַז איך ווייס שוין דאָס וואָרט קען איך זיך אַוועקשטעלן און נאָכזאָגן דאָס וואָרט און מאַכן אַז אַנדערע אידן זאָלן זיין יראי שמים אויף דריי יאָר"... **ס'איז דאָך פּשוט אַז ס'אַרבעט נישט אַזוי.** אַ צדיק דאַרף דאָס זאָגן! **ווען אַ צדיק האָט געזאָגט דאָס וואָרט איז עס געווען אַ דיבור 'היוצא מן הלב'**, ממילא האָט זיך דאָס געגעבן אַ זעץ אַריין אין האַרץ און ס'איז געבליבן דאָרט!

דער כח הדיבור נעמט זיך פון דעם כח הביטול צום רבוש"ע. כח הדיבור איז טייטש אַז **דער איד לייגט אַריין כוחות אין זיין אייגענע האַרץ צו זיין בטל צום רבוש"ע**, און ער איז מתפלל אַז די ווערטער זאָלן אַריינגיין אין האַרץ פון זיינע קינדער.

דער אויבערשטער זאָגט פאַר יעדן איד: איך וויל אַז דו זאָלסט נוצן דיין כח הדיבור פסח ביינאַכט. און איך זאָג דיך דאָס שוין פון ראש חודש. דו זעהסט יעצט אַז ס'איז דאָ אַ נייע לבנה?! **איך בעט דיך אַז זאָלסט זיכער מאַכן אַז פסח ביינאַכט זאָל זיין ביי דיר אַ שיינע לבנה.** דיין כח הדיבור זאָל אָפּשפּיגלען און ברענגען אַ געוואַלדיגע אור פאַר דיינע קינדער!

וויפיל מער דו וועסט ווערן בטל צו דער זון, וויפיל מער דו וועסט זיין בטל צו צדיקים, צו די תורה הק', צום אויבערשטן, וועסטו בויען אַזאַ האַרץ, וואָס די האַרץ וועט שפּעטער קענען אַריבערגיין און משפיע זיין צו די הערצער פון די וואָס הערן דיך אויס!

ד

# להנאתינו ולטובתינו; די מצוה פון 'והגדת לבנך' איז פאר דיין אייגענע תועלת

## די מצות זענען געגעבן געוואָרן פאַר אונזער שלימות

די נקודה דערמאַנט אונז דעם יסוד וואָס מ'דאַרף דערמאַנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַלע מצוות, כדי אַז 'מיר' זאָלן נתקרב ווערן צום רבוש"ע! קיין שום מצוה אין דער תורה איז געגעבן געוואָרן אַז דו זאָלסט העלפן דעם רבוש"ע...

די מצוה פון צדקה איז נישט געגעבן געוואָרן ווייל דער אויבערשטער ברויך האָבן דיין הילף אַז יענער אָרימאַן זאל האָבן וואָס צו עסן... די מצוה פון 'קמחא דפסחא' איז נישט געגעבן געוואָרן ווייל ס'איז דאָ נעבעך איינער וואָס האָט נישט קיין געלט אויף יום טוב. **יענער אָרימער איד איז אַ 'בן יחיד' ביים אויבערשטן!** דער רבוש"ע האָט גענוג געלט און דער רבוש"ע האָט אַסאַך מער רחמנות אויף אים, **נאר דער אויבערשטער האָט אויך רחמנות אויף 'דיר'!**

השי"ת וויל אַז 'דו' זאָלסט זיין אַן ערליכער איד, דערפאַר האָט ער דיך געהייסן געבן 'קמחא דפסחא', ווייל ער האָט רחמנות אויף דיר, ווי די גמרא זאָגט אין מסכת בבא בתרא אַז דורך צדקה ווערט מען ניצול פון אַלעם בייזן.

## די מצוה פון חינוך איז נישט פאַר'ן קינד, ס'איז פאַר דיר!

די זעלבע זאַך איז לגבי חינוך און לגבי דעם כח הדיבור וואָס אַ איד באַקומט פסח ביינאַכט פון הימל.

דער אויבערשטער האָט נישט געהייסן פאַר'ן מענטשן אַז ער זאָל רעדן מיט זיין קינד אמונה ביים סדר ווייל דער אויבערשטער דאַרף אַז דאָס קינד זאָל ווערן אַ בעל אמונה...

השי"ת קען מאַכן אַז דאָס קינד זאָל באַקומען הארות מן השמים, אַז דאָס קינד זאָל טרעפן דעם ריכטיגן ספר אָדער אַז דאָס קינד זאָל האָבן נסיונות און דורכדעם זאָל ער אויסשטייגן אַן ערליכער איד. דער אויבערשטער האָט עס שוין געטון מיט אַסאַך מענטשן... דער אויבערשטער קען מאַכן פון דיין קינד אַן אמת'ער בעל אמונה ובטחון! ער האָט אַסאַך בעסערע וועגן ווי די משלים אָדער די גוטע ווערטער וואָס מיר וועלן פּרובירן אויפצוזוכן פאַר'ן סדר!

> **וויאַזוי קען איך פירן אַ סדר?! כ'בין נישט דער סאָרט מענטש צו פאַרציילן, כ'וויס נישט וויאַזוי מ'טוט דאָס**

דער רבוש"ע האָט דיך מצוה געווען אַ 'מצות עשה דאורייתא' איינמאָל אַ יאָר, צו דערציילן סיפור יציאת מצרים פסח ביינאַכט, **ווייל דער אויבערשטער האָט רחמנות אויף דיר!** ער וויל אַז 'דו' זאָלסט זיין אַן ערליכער איד!

## די שליסל צו דיין קינד'ס האַרץ ליגט יאָ ביי דיר

דער אויבערשטער זאָגט פאַר'ן מענטש: "צדיק, קום אַהער אַ מינוט, איך בעט דיך אַ טובה, רעדט מיט דיין קינד פסח ביינאַכט". פרעגט דער מענטש: "וואָס הייסט אַז איך זאָל רעדן מיט אים?!", איז דער תירוץ: "קוק אין די חסידי'שע ספרים וואָס הייסט דער כח הדיבור, אַזוי וועסטו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט".

דער מענטש כאַפּט אַ שטיקל בליק אין ספרים הק' און ער זאָגט: "אַה, איך פאַרשטיי אַז דיבור באַדייט אַזעלכע ווערטער וואָס וועלן זיין 'נכנסים אל הלב', דאָס איז די תכלית, די תכלית איז נישט צו טרעפן אַ שיינע משל אָדער אַ גמטריא צו איבערזאָגן. אָבער וויאַזוי קען איך דאָס באַוויזן?! איך האָב דאָך נישט קיין שליסל צו דאָס האַרץ פון מיין קינד?! כ'קען דאָך מיין בחור נעבעך, ער האַלט נישט ביים הערן, וויאַזוי קען איך מאַכן אַז

ס'זאָל זיין אַן אמת'ע כח הדיבור?!".

דערויף זאָגן אונז חז"ל: "דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב"! פרעגט אָבער דער מענטש ווייטער: "וויאַזוי קען איך מאַכן אַז מיינע דיבורים זאָלן זיין יוצאים מן הלב?!".

ענטפערט מען אים פון הימל: "דערפאַר האָב מען דיך דאָס נישט מגלה געווען פסח ביינאַכט, מען האָט דיך עס שוין פאַרציילט פריער, אַז **דער רבוש"ע ווארט אַז דו זאָלסט צוגרייטן אַ הארץ, זאָלסט צוגרייטן אַ צעבראָכן הארץ**, זאָלסט תשובה טון, זאָלסט דאַווענען כדי צו קענען באַקומען אַ כח הדיבור, זאָלסט זיך מתבונן זיין וואָס דו ווילסט זאָגן און דו זאָלסט אַליין נתרגש ווערן פון די דיבורים, שפּעטער וועסטו עס קענען איבערזאָגן און ס'וועט אַריינגיין אין די הערצער פון די שומעים"!

### פאַרוואָס איז אַזוי אינטערעסאַנט צו הערן פון דעם בעל המעשה זעלבסט

מ'זעט שטענדיג אַז מענטשן האָבן ליב צו הערן אַ מעשה פון דעם בעל המעשה, וואָס מיט אים האָט די מעשה פּאַסירט: "דו ביזט עס אַליין געווען?! באמת?! כ'דאַרף עס הערן נאָכאַמאָל! וואָס איז געווען די מעשה?!".

מ'קען טראַכטן אַז די סיבה איז וויבאַלד מ'וויל עס הערן פונקטליך. דאָס איז אויך אמת. אָבער דער טעם איז נישט גענוג פאַרוואָס ווען דער בעל מעשה דערציילט אַז מיט אים איז געווען די מעשה עפּענט זיך אויף די אויגן ברייט: "באמת?! דו?! איך מוז עס הערן פון דיר!".

די סיבה פאַרוואָס מ'וויל עס הערן פון דעם בעל המעשה אַליין איז: **ווייל דעמאָלט האָט די מעשה אַסאַך מער הארץ!** דער בעל המעשה דערציילט עס מיט אַלע הרגשים: "ווען כ'בין דעמאָלט געווען אין גאס, בין איך געווען אַזוי דערשראָקן, אַזוי פאַרלוירן, כ'האָב נישט געוואוסט וואָס צו טון"...

### דער בעל המעשה שלעפּט אַריין די צוהערער אין זיין געפיל

ווען מ'הערט אַ מעשה פון 500 יאָר צוריק איבער אַ איד וואָס איז געגאַנגען אין וואַלד און ער איז געוואָרן זייער שטאַרק פאַרלוירן, נעמט עס נישט אַזוי איבער דאָס הארץ... דו ווערסט נישט אַזוי דערשראָקן צוזאַמען מיט אים, האסט נישט אַזוי רחמנות אויף יענעם איד, אָבער ווען דו הערסט עס פון דעם בעל המעשה אליינס זאָגסטו: "אוי, וואָס האָסטו געטון?! וואָס האָסטו געטראַכט בשעת מעשה?! איין מינוט, וועלכע טאָג איז דאָס געווען?! וואו איז עס געווען?!"...

ווען דער בעל מעשה דערציילט דאָס **שלעפּט ער דיך אַריין אין זיין הארץ מיט זיינע געפילן!** ווייל מיט אים האָט פּאַסירט די מעשה און דעריבער לייגט ער אַריין זיין הארץ ווען ער פאַרציילט דאָס. ווען אַ מענטש פאַרציילט זיין אייגענעם עבר, **וועסטו זען ווי ער דערציילט דאָס מיט מער הארץ**, דעריבער איז עס טאַקע 'נכנסים אל הלב'!

**קיין שום מצוה אין דער תורה איז געגעבן געוואָרן אַז דו זאָלסט העלפן דעם רבוש"ע...**

### איבערגעבן סיפור יציאת מצרים מיט אַ פנימיות'דיגע הרגש

יעדער איד האָט זאַכן וואָס ער איז אַליין דורכגעגאַנגען וויאַזוי דער אויבערשטער האָט אים געמאַכט חירות. יעדער האָט זאַכן וואו ער איז אַליין אַרויס מעבדות לחירות, דאָס דאַרף מען קענען איבערגעבן מיט אַ הרגש.

ס'איז דאָ איין וועג וויאַזוי דאָס צו טון, ווען דער מענטש פאַרציילט פסח ביינאַכט: "קינדער, איך וויל אייך מיטטיילן וויאַזוי דער אויבערשטער האָט מיך געראַטעוועט און געהאָלפן". דאָס איז איין מהלך.

אָבער לויט ווי מ'האָט גערעדט פריער איז דאָ נאָך אַ מהלך, אַז אפילו אַ איד וואָס רעדט נישט אויס ביים סדר, אָדער ער וויל נישט פאַרציילן פאַר די קינדער זיינע מעשיות, נישט אַלעס קען מען דאָך דערציילן, ער וויל זיי בלויז אַריינברענגען די אמונה וואָס קומט אַרויס פון די מעשה, **קען ער דאָס איבערגעבן דורכדעם וואָס ער וועט אָנגרייטן זיין הארץ, אַז ס'זאָל זיין דברים היוצאים מן הלב!**

אַזוי ווי צדיקים האָבן נישט פאַרציילט אַלעס וואָס זיי האָבן געוואוסט אין מח, אָבער וויבאַלד זיי האָבן דאָס געהאַט אין הארץ זענען זייערע דיבורים געווען דברים היוצאים מן הלב. מען דאַרף נישט אַלעמאָל דערציילן פונקטליך די מעשה, דער עיקר איז דער איד האָט דאָס הארץ, ער איז נתרגש געוואָרן פון די ווערטער, ער האָט געדאַוונט צום אויבערשטן בעפאַר יום טוב, ער האָט דערציילט די דיבורי אמונה פאַר זיך אליינס בעפאַר יום טוב. דעמאָלט קען ער זאָגן 'דברים היוצאים מן הלב' וואָס וועט זיכער זיין 'נכנסים אל הלב'.

ווען אַ מענטש הייבט זיך אָן גרייטן איידער יום טוב צו אויפבויען זיין הארץ מיט אמונה אַז די אמונה זאָל אים אַליין איבערנעמען, בויעט ער דערמיט אויף כלים צו קענען ריכטיג מקיים זיין דעם 'והגדת לבנך' פסח ביינאַכט.

# שיר השירים

## כי חולת אהבה אני;

די ליכטיגקייט פון לערנען די הייליגע פסוקים פון 'שיר השירים' מיט רש"י

יום ה' פרשת בהעלותך י' סיון תשפ"ב

א

## נזכירה דודיך מיין משרים אהבוך; שיר השירים ברענגט צו אַ מורא'דיגע אהבת השי"ת

### די מצות עשה דאורייתא פון אהבת ה'

מיר ווייסן דאך אַז איינס פון די זעקס 'מצוות תמידיות' איז די מצוה פון אהבת ה'. (הקדמת ספר החינוך).

ס'איז דאָ אַ מצות עשה דאורייתא אַז אַ איד דאַרף ליב האָבן דעם רבוש"ע! **דאָס איז אַ מצוה תמידית וואָס מ'איז מחויב דערמיט אַגאַנצן צייט**, ווי מ'זאָגט אין קריאת שמע 'ואהבת את ה' אלקיך', אַ איד דאַרף ליב האָבן דעם רבוש"ע און מען ווערט קיינמאָל נישט פטור פון דער מצוה.

יעדעס מאָל ווען אַ מענטש איז זיך מתבונן אין אהבת ה' איז ער מקיים אַ מצות עשה דאורייתא!

די וועג וויאַזוי מ'איז מקיים די מצוה איז דורכדעם וואָס **אַ מענטש דארף טראַכטן און שפירן הרגשים פון אהבת ה'**. סתם אַזוי ווערט דאָס נישט פּאַסירן, דעריבער דאַרף אַ מענטש זיך מתבונן זיין אין געוויסע זאַכן, וואָס דורכדעם זאָל ער צוקומען צו אַן אהבה. ס'איז דאָ אַ חיוב זיך מתבונן צו זיין אין די ענינים פון אהבת ה'.

### אַ פּסק פון הייליגן רמב"ם להלכה

דער **רמב"ם** אין הלכות תשובה (פ"י ה"ג) זאָגט: "**וכיצד היא האהבה הראויה**" - וואָס איז די ריכטיגע אהבת ה'?! "**הוא שיאהב את ה' אהבה גדולה יתירה עזה מאוד**" - אַ איד דאַרף זייער שטאַרק ליב האָבן דעם רבוש"ע.

"**עד שתהא נפשו קשורה באהבת השם**" - דער מענטש זאל ממש זיין צוגעבינדן צו דער אהבה. "**ונמצא שוגה בה תמיד**" - ער זאָל אַגאַנצן צייט טראַכטן דערפון. "**כאילו חולה חולי האהבה שאין דעתו פנויה**" - אַזויווי מ'איז ממש קראַנק אויף די אהבה און זיין דעת קען נישט אויפהערן טראַכטן ווענן דעם. "**והוא שוגה בה תמיד בין בשבתו בין בקומו בין בשעה שהוא אוכל ושותה**" - ער האַלט דאָס אין זיין מחשבה אַלעמאָל, ביים שלאָפן גיין, ביים אויפשטיין, ווען ער עסט און טרינקט, א.א.וו.

דער רמב"ם שרייבט דאָ אַזעלכע מורא'דיגע לשונות פון "אהבה גדולה יתירה עזה מאוד", און דער רמב"ם איז אַ פּוסק, ער שרייבט דאָס להלכה! ס'איז נישט פּשט אַז דער רמב"ם ברענגט דאָ אַרויס די הרגשים פון אהבת ה' וואָס דער רמב"ם האָט געהאַט. דער רמב"ם לערנט נישט יעצט פאָר שטיקלעך אור החיים הק' פון פרשת יתרו, **דער רמב"ם פּסק'נט להלכה!** דער רמב"ם רעדט צו יעדן איד און ער זאָגט דעם חיוב וואָס ליגט אויף יעדן מענטש. ער זאָגט אַז דאָס איז דער ציווי פון "ואהבת את ה' בכל לבבך ובכל נפשך".

און דער רמב"ם ענדיגט צו: "**והוא ששלמה אמר דרך משל 'כי חולת אהבה אני', וכל שיר השירים משל הוא לענין זה**". - דאָס זאָגט שלמה המלך בדרך משל אין שיר השירים 'כי חולת אהבה אני', דאָס מיינט כפשוטו אַז אַ איד דאַרף ווערן ממש אַזוי איבערגענומען פון די אהבה, און די גאַנצע שיר השירים איז אַ משל אויף דעם ענין.

### מיר זענען מחויב צו עוסק זיין אין די ענינים פון אהבת ה'

דער רמב"ם פּסק'נט דאָ אַז ס'ליגט אויף אונז אַ חיוב פון אהבת ה' בכל לבבך ובכל נפשך, וואָס דאָס מיינט סיי בכמות, אַז ער דאַרף טראַכטן דערפון אַלעמאָל, און סיי באיכות, אַז ס'דאַרף זיין אַ געוואַלדיגע אהבה מיט אַ פלאַם פייער פאַר'ן רבוש"ע.


> **"אפילו ווען איר גייט דורך יצר הרע'ס מיט נסיונות, אָבער די אהבה שטעלט זיך נישט אָפּ! כ'האָב אייך ליב אהבת נפש**


אפילו אויב אַ מענטש איז נאָכנישט אויף דער מדריגה **דאַרף ער אָבער געדענקן אַז ס'איז אַ חיוב!** און ס'איז נישט סתם אַ חיוב, נאר ס'איז אַ מצוה וואָס מיר לייגנען אין קריאת שמע צוויי מאָל יעדן טאָג. דעריבער דאַרף מען עוסק זיין אין דעם ענין, צו באַקומען די אהבה להשי"ת!

**הייב אָן כאָטש מיט אַביסל.** אפילו מ'האַלט נאָכנישט ביים גרעסטן קאָך אָבער אַ איד דאַרף עוסק זיין אין אהבת ה', לפי ערכו ולפי מדרגתו. אין יעדן מצב וואו מען געפינט זיך דאַרף מען זיך מתבונן זיין אין די חלקים פון דער תורה וואָס ברענגען אַרויס די אהבת ה'. אַז מ'וועט לערנען די זאַכן פון אהבה, וועט דאָס מעורר זיין דאָס האַרץ צו מקיים זיין די מצות עשה דאורייתא, סיי בכמות און סיי באיכות. **וויפיל מער מ'טראַכט ווענן דעם און וויפיל מער מ'לערנט ווענן דעם איז מען שטאַרקער מקיים די מצות עשה.**

### כולך יפה רעיתי ומום אין בך!

ווען מ'לערנט אַביסל רש"י אויף שיר השירים, זעט מען דאָך אַזוי שטאַרק דאָס ענין, וויפיל דער אויבערשטער האָט ליב אידישע קינדער, **ווי טיף ס'איז די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט ליב כנסת ישראל**, מיט אַלע זייערע פּראָבלעמען און מיט אַלע זייערע 'מומים' וואָס זיי פאַרמאָגן.

דער אויבערשטער קוקט אויף אידן און זאָגט: "איך זעה נישט קיין מום, איך האָב אייך אַזוי ליב, אפילו ווען איר זענט אין גלות, אפילו ווען איר גייט דורך יצר הרע'ס מיט נסיונות, אָבער די אהבה שטעלט זיך נישט אָפּ! כ'האָב אייך ליב אהבת נפש"!

אַזוי שטייט אין שיר השירים! אַזוי שטייט אין רש"י און אין די מאמרי חז"ל! דאָס איז די פּשוט'ע פּשט פון די פּסוקים! מ'רעדט נישט יעצט ווענן די גרויסע סודות התורה וואָס ליגט באַהאַלטן אין שיר השירים. **דאָס איז די חלקים וואָס רש"י האָט געזען פאַר וויכטיג אַז יעדער פּשוט'ער איד זאל דאָס וויסן און לעבן דערמיט.**

### מ'קען נישט מקיים זיין מצות אהבת ה' אָן לערנען שיר השירים מיט רש"י

ווען אַ מענטש לערנט נאר אַביסעלע רש"י אויף די פּסוקים פון שיר השירים און ער פאַרשטייט וואָס דאָרט שטייט בדרך פּשט, איז דאָס אַ גרינגע וועג אַז ער זאָל קענען מקיים זיין די מצוה פון אהבת ה'!

דער לימוד פון שיר השירים איז אַ ריכטיגע 'לומד על מנת לעשות'. ס'איז אַ לימוד וואָס אויב דער מענטש לערנט דאָס נישט קען ער נישט מקיים זיין די מצוה פון אהבת ה'. אַזוויווי אַ מענטש קען נישט מקיים זיין מצות ציצית אָדער מצות סוכה אָן דעם וואָס ער ווייסט די הלכות, דאָס זעלבע קען ער נישט מקיים זיין מצות אהבת ה' אָן לערנען שיר השירים מיט רש"י. **ס'איז ממש וויכטיג דאָס צו לערנען כדי צו באַגרייפן דעם ענין פון אהבת ה'!**

### את האהבה עד שתחפץ; שיר השירים איז מחזק די צעקלאַפּטע אידן

דער 'ספורנו' אין אַנהויב שיר השירים ברענגט דעם מאמר חז"ל: "כל הכתובים קודש ושיר השירים קודש קדשים" פאַרוואָס טאַקע איז שיר השירים קודש קדשים?! איז דער ספורנו דאָס מסביר, ווייל: "**שכל עניינו לחונן את לב בני האדם, בפרט המתאוננים רע בפגעי הזמן, לאהוב את הא-ל יתברך**".

הערט אַ לשון! די גאַנצע ענין פון שיר השירים איז אַוועקצושטעלן דאָס האַרץ פון דעם מענטש, בפרט אַזעלכע אידן וואָס זענען נעבעך פאַרביטערט און צעבראָכן צוליב די צרות און פּראָבלעמען; זיי רעדן זיך אָפּ און זיי זענען צעקלאַפּט; דער שיר השירים איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַזעלכע צעבראָכענע מענטשן אַז זיי זאָלן קענען ליב האָבן דעם רבוש"ע!

### ס'איז נאָכמער וויכטיג פאַר'ן פּשוט'ן מענטש

מענטשן מיינען אַז שיר השירים איז אַ לימוד וואָס באַלאַנגט נישט פאַר אַ פּשוט'ן איד. דער מענטש זאָגט: אודאי איז שיר השירים קודש קדשים! אודאי איז עס העכער ווי אַלע כתובים און ס'ליגט דאָרט באַהאַלטן גרויסע סודות הק', אָבער ס'איז נישט קיין לימוד התורה וואָס איז וויכטיג צו קענען אַלס 'ללמוד על מנת לעשות'... ערשט לערן אַביסל הלכה! ערשט לערן עפּעס וואָס איז דיר נוגע! וואָס לויפסטו צו שיר השירים?!

**דאָס איז אָבער אַ געוואַלדיגער טעות!** מען כאַפּט נישט ווי וויכטיג דער לימוד פון שיר השירים איז פאר די עבודת ה' פון דעם מענטש. אפילו פאר דעם פשוט'ן איד, און **אפשר איז עס גאָר מער וויכטיג פאַר דעם פשוט'ן מענטש**, ווי עס שטייט אין ספורנו, וואָס איז געווען פון די קדמונים, אַז דער גאַנצער ענין פון שיר השירים איז געשריבן געוואָרן ספּעציעל "לחונן את לב בני האדם בפרט המתאוננים רע בפגעי הזמן" - אויב דו ביזט פאַרביטערט, אויב דו ביזט פאַרקראָכן, אויב דו ביזט צעבראָכן, **אַז דו וועסט לערנען אַביסל פסוקים פון שיר השירים מיט רש"י וועט דיך דאָס העלפן!** וועסט זען ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט דיך ליב! דאָס וועט ממילא מעורר זיין אן אהבה ביי דיר צו השי"ת, כמים פנים אל פנים, און אַזוי וועט עס דיך ראַטעווען!

ב

# אני לדודי ודודי לי; שיר השירים פאַרציילט די פּנימיות'דיגע ליבשאַפט צווישן השי"ת מיט כנסת ישראל

### דאָס האַרציגע משל פון דעם אור החיים הק'

ס'איז דאָ אַ מוראדיגע לשון פון דעם אור החיים הק' אין זיין ספר 'ראשון לציון' אויף שיר השירים. דער אוה"ח הק' זאָגט אַזוי: "**השיר הזה בנאו שלמה המלך ע"ה בראותו הזמן שישראל בגלות**". שלמה איז געווען דער מלך ישראל ווען ס'איז געווען אַ בית המקדש און ס'איז געווען בגלוי די אהבה וואָס דער אויבערשטער צו אידישע קינדער און די אהבה פון כנסת ישראל לדודה. אַלעס איז געווען אָפּן. אָבער ברוח קדשו האָט ער געזען וואָס וועט זיין ווען אידן גייען זיין אין גלות.

זאָגט דער אור החיים הק' אַ משל: "**והמשילו הענין למלך שגירש המלכה וחשבו השכנים לומר כי לא ישוב עוד לדעתה, וריחקה מלבו**" - דאָס איז אַזוי ווי אַ מלך וואָס האָט מגרש געווען זיין מלכה, און אַלע אַרומיגע שכינים האָבן געקלערט אַז דער מלך האט שוין ממאס געווען די מלכה, ער וויל איר שוין נישט, און ער וועט איר קיינמאָל נישט צוריקנעמען.

"**ועמדו בן אחד שילדה המלכה למלך קודם גרושין**" - איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ קינד וואָס איז געווען באַליבט ביי ביידע, ווייל דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן צו דער מלך און די מלכה נאָך איידער זיי האָבן זיך צעטיילט. "**והלך אצל האב, והבין ממנו שעדיין לבו עם המלכה**" - ער איז געגאַנגען צום טאַטן, צום מלך, און ער האָט פאַרשטאַנען פון אים אַז זיין האַרץ טראַכט נאָך יאָ וועגן די מלכה, ס'איז נאָך דאָ אַ געוואַלדיגע אהבה און קשר. "**והלך אצל האם, והבין שלבה שלם עם מהלך**" - שפּעטער איז דאָס קינד געגאַנגען צו דער מאַמע און ער האָט געזען אַז זי האָט נאָך יאָ די אהבה צום מלך.

"**עמד וחיבר שיר אחד ממה ממה שבלב המלך על המלכה, וממה שבלב המלכה על המלך, כאשר ידע ממה שבלבם זה על זו וזו על זה**" - איז דאָס קינד געגאַנגען און געמאַכט אַ שיר, אַרויסצוברענגען וואָס ליגט באמת אין האַרץ פון ביידע, איינער אויפ'ן צווייטן. די אַרומיגע פאַרשטייען דאָס נישט. פון אינדרויסן זעט מען עס נישט. אָבער דאָס קינד ווייסט דעם אמת! ער האָט גערעדט מיט ביידע און ער ווייסט דעם גאַנצן אמת!

דערמיט איז דער אור החיים הק' מפרש פאַרוואָס הייסט דאָס 'שיר השירים' מיט אַ לשון רבים, ווייל דאָס איז געמאַכט פון צוויי שירים, איינס וואָס דער אויבערשטער זאָגט וועגן כנסת ישראל, און די צווייטע וואָס אידן זאָגן וועגן דעם אויבערשטן. אפילו ווען זיי זענען אין דער טונקל, אפילו ווען זיי ליגן אין די יצר הרע'ס און אין דעם גלות, אָבער וויאַזוי רעדן זיי וועגן דעם רבוש"ע און וויאַזוי רעדט דער רבוש"ע וועגן זיי!

און דער אור החיים הק' פירט אויס: "**וסידר בשיר זה כל מה שעבר ביניהם מיום הווסדם עד סוף כל העולם**" - שלמה המלך האָט אַריינגעלייגט אין דעם שיר אַלעס וואָס איז דאָ צווישן דעם רבוש"ע מיט אידישע קינדער, אַלע הרגשי אהבה, מיום היוסדם עד סוף כל העולם! דאָס אַלעס ליגט צווישן די הייליגע ווערטער וואָס שלמה המלך האָט דאָ געשריבן.

### ווען ס'איז דאָ אהבה זעט מען נישט קיין פּראָבלעמען

לאָמיר זיך אַביסל מתבונן אין די טיפע אהבה וואָס ווערט אַרויסגעברענגט אין שיר השירים:

ווען איינער האָט אַ טיפע אהבה צום צווייטן **זעט ער פשוט נישט יענעמס פּראָבלעמען און חסרונות**. צום ביישפּיל, אַ טאַטע וואָס האָט אַ באַליבט קינד, אַ בן יחיד'ל וואָס איז אים געבוירן נאָך אַסאַך יאָרן וואַרטן. **דער טאַטע קען נישט זען קיין חסרון אויף דאָס קינד!**

די מחנכים פּרובירן אים צו מרמז זיין אַז דאָס קינד האָט אַ שטיקל פּראָבלעם ביים לערנען, מ'דאַרף ווען נעמען דאָס קינד פאר אַביסל הילף. אָבער ס'איז זייער שווער צו איבערצייגן דעם טאַטן ווייל ער קען נישט זען קיין שום פּראָבלעמען אויף זיין קינד, אהבה מקלקלת את השורה...

### די חסרונות זענען אַזוי נישטיג צוליב די גרויסע אהבה

דאָס אַרבעט פּונקט אַזוויי דער כלל פון "אין אדם רואה נגעי עצמו" אַ מענטש זעט נישט זיינע אייגענע חסרונות, פאַרוואָס?! **ווייל ער האָט זיך זייער ליב**. אפילו ווען ס'קומט נישט פון קיין שקר און ס'איז נישט סתם אַ טעות, נאר ס'איז ווייל ווען דער מענטש קוקט זיך אַליין אָן, דעמאָלט זענען זיינע חסרונות אַזוי קליין און אַזוי נישט וויכטיג, ווייל ער האָט זיך אַליין ליב.

די זעלבע געפיל איז דאָ ווען אַ מענטש האָט זייער שטאַרק ליב אַ צווייטן. ס'איז נישט פּשט אַז ער האָט נישט געזען דעם פּראָבלעם, נאר **ס'נעמט אים נישט איבער!**

מען פאַרציילט פאַר'ן טאַטן אַז זיין זון האָט געווילדעוועט אין ביהמ"ד, אָבער דער טאַטע זאָגט: "מיין יענקעלע?! איך קען דאָך מיין יענקעלע! מיין קינד איז אַ גוטער! איי, ער האָט זיך אויפגעפירט ווילד, פיין, דאָס איז אַלעס נאר 'מבחוץ', ס'איז נישט זיין אינערליכע מהות!". אַ מענטש וואָס שטייט פון אינדרויסן זאָגט: "דאָס קינד איז געפערליך, מ'דאַרף אים אַרויסוואַרפן, מ'דאַרף אים אַהיימשיקן", אָבער דער טאַטע זאָגט: "מ'דאַרף אים נישט אַהיימשיקן... איך קען אים! ער איז גוט!".

> **איז דאָס קינד געגאַנגען און געמאַכט אַ שיר, אַרויסצוברענגען וואָס ליגט באמת אין האַרץ פון ביידע**

## השי״ת כביכול וויל נישט הערן קיין שלעכטס אויף זיינע באַליבטע קינדער

אין שיר השירים זעט מען וויאַזוי דער רבוש״ע רעדט וועגן כנסת ישראל און וויאַזוי ער קען אונז באמת. דער אויבערשטער זאָגט: **״מיין אידישע פאָלק?! איך ווייס אַז זיי זענען אַזוי גוט, אפילו ס׳איז דאָ זאַכן וואָס טויגן נישט!״**. אין שיר השירים זאָגט דער פסוק: ״רקתך מבעד לצמתך״ און רש״י ברענגט בשם חז״ל: ״אפילו הריקנין שבה מלאים מצוות כרימון״.

דער רבוש״ע זאָגט: ״וואָס הייסט?! איך קען זיי דאָך! דער איד איז גוט! פון אינדרויסן האָט ער ליידער אַ יצר הרע וואָס פאַרדרייט אים אַ קאָפּ אָבער אינעווייניג איז ער גוט!״

## די אהבה איז אויך דאָ ׳לאחר שיחטא האדם׳

אַמאָל איז דאָ געוויסע סאָרט מציאות׳ער וואָס דער מענטש איז ממש אין אַ מצב פון ׳קרוב לאונס׳ און דער אויבערשטער זאָגט: **״איך ווייס ווי שטאַרק דער איד וויל יאָ זיין גוט, כ׳האָב אים נאר געגעבן זייער אַ גרויסן נסיון״**. אַזוי שטייט אין מסכת ברכות (לב, א): אַז ס׳איז דאָ עטליכע פסוקים ווי מ׳זעט אַז אידן האָבן אַ פתחון פה אַז דער רבוש״ע האָט דאָך באַשאַפן דעם יצר הרע, ער האָט עס אַריינגעלייגט אין דעם מענטש.

דער רבוש״ע ווייסט ווי שווער ס׳איז זיך מתגבר צו זיין. ער קען גוט דעם איד, ער האָט אים ליב פאַר׳ן נכשל ווערן, וויבאַלד דער איד האָט געוואָלט זיין נאָנט צום רבוש״ע, און ער האָט אים אויך ליב נאָכ׳ן נכשל ווערן! ווי חז״ל דרשנ׳ן אויף די י״ג מדות של רחמים, (ראש השנה יז ב): ״**ה׳ ה׳, אני הוא קודם שיחטא האדם, ואני הוא לאחר שיחטא האדם**״.

## מ׳קען פאַרדינען אַזויפיל קרבת אלקים פון דעם לימוד

דער אויבערשטער טוט פעולות אַז אַ איד זאל תשובה טון, ווייל ער איז ׳הרוצה בתשובה׳! פאַרוואָס וויל דער אויבערשטער אַזוי שטאַרק די

> **מיין אידישע פאָלק?! איך ווייס אַז זיי זענען אַזוי גוט, אפילו ס׳איז דאָ זאַכן וואָס טויגן נישט!**

תשובה פון אַ איד?! לכאורה וואָלט מען געקענט טראַכטן אַז אויב אַ מענטש האָט געזינדיגט זאָל ער גיין! ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק מצער געווען די שכינה הק׳ מיט זיינע חטאים! אָבער ניין! **דער רבוש״ע האָט אים יאָ ליב!** דער אויבערשטער מאַכט אַלע סאָרט וועגן אַז דער איד זאל תשובה טון, ווייל השי״ת האָט אים אַזוי שטאַרק ליב.

דאָס שטייט אין די רש״יס פון שיר השירים, איינס נאָכ׳ן צווייטן. **ווען אַ איד וואָלט דאָס געוואוסט, וויפיל קרבת אלקים וואָלט ער געהאַט?!** דער איד דרייט זיך אַרום צעבראָכן און צושאָסן און ער ווייסט פשוט נישט וואָס די מאמרי חז״ל זאָגן וועגן אים! ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס דער רבוש״ע רעדט ״וועגן דיר״ - אין דעם יעצטיגן מצב ״וויאַזוי דו קוקסט אויס״, וואָלסטו אינגאַנצן אַנדערש אויסגעקוקט!

## השי״ת ווייסט די באַהאַלטענע תשוקה פון אידן

מ׳ווועט בלויז דערמאַנען אַ ביישפיל פון אַ רש״י אויפ׳ן פסוק: **״אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי לִרְאוֹת בְּאִבֵּי הַנָּחַל לִרְאוֹת הֲפָרְחָה הַגֶּפֶן הֵנֵצוּ הָרִמֹּנִים״** זאָגט רש״י: **״למה נמשלו ישראל לאגוז?** - פאַרוואָס זענען אידן נמשל צו אַן אגוז?

**״מה אגוז זה אתה רואה אותו כולו עץ ואין ניכר בתוכו״** - פונקט ווי ווען מ׳קוקט אָן אַן אגוז זעט מען בלויז האָלץ מיט אַ שטאַרקע קליפה, ס׳איז דאָ אַ גרויסע קליפה און מ׳זעט גאָרנישט חוץ האַרטע האָלץ. אָבער: **״פוצעו ומוצאו מלא מגורות של אוכלים״** - אויב מען האַקט דאָס אויף טרעפט מען דאָרט באַהאַלטן אַסאַך גוטע עסנוואַרג.

**״כך ישראל צנועין וענוותנין מעשיהם ואין תלמידים שבהן נכרים״** - דאָס זעלבע זענען אידן באַהאַלטן און באַשיידן, זייערע אַלע מעשים און מצוות זענען בענווה. אידן האָבן אַ תשוקה צו קענען מצליח זיין אין עבודת ה׳. אַמאָל זענען זיי נאָכנישט מצליח אויפ׳ן ערשטן מאָל, זיי ווייסן נאָכנישט וועלכע וועג צו טון, אָבער דער רבוש״ע ווייסט דאך די תשוקה וואָס זיי האָבן! ער ווייסט דאך ווי שטאַרק זיי ווילן!

זאָגט רש״י ווייטער: **״ואין מתפארים להכריז על שבחן, בדקתו אתה מוצא אותו מלא חכמה״.** - אידן זענען זיך נישט מתפאר, זיי שרייען נישט אויס זייער שבח. זיי ווייסן אפילו אליינס נישט ווי חשוב זיי זענען! אַז מען איז זיי גוט בודק דעמאָלט וועט מען טרעפן אַז זיי זענען מלא חכמה.

**״ועוד כמה מדרשות לדבר - מה אגוז זה נופל בטיט ואין מה שבתוכו נמאס, אף ישראל גולין לבין האומות ולוקין מלקיות הרבה ואין מעשיהם נמאסין.״** פונקט ווי אן אגוז פאַלט אַריין אין ליים ווערט ער נישט מאוס, אַזוי אויך ווען אידישע קינדער פאַלן אַריין אין טיט, זיי ווערן נכשל אין נישט גוטע זאַכן, זיי ווערן חלילה פאַרגרעבט מיט עבירות, שמירת עינים, און אַזעלכע סאָרט זאַכן, אָבער זייער ׳אינעווייניג׳ ווערט נישט נמאס! דער רבוש״ע זאָגט: ״איך ווייס זייער פנימיות!״. אַזוי רעדט דער אויבערשטער וועגן אונז אין שיר השירים!

### ג

# שימני כחותם על לבך; די טיפע אהבה פון השי״ת צו אידן אין דעם פינסטערן גלות

## דער רבוש״ע לאָזט נישט איבער אַליין זיינע קינדער אין גלות

די רש״יס אין שיר השירים רעדן אַרום וועגן דעם יסוד פון ׳בכל צרתם לו צר׳, ווי דער פסוק זאָגט אין שיר השירים: ״לְסֻסָתִי ברכבי פרעה דימיתך רעיתי״. דער רבוש״ע זאָגט פאַר אַ איד: **״דו האסט געמיינט אַז דו וועסט גיין אין גלות וועל איך דיך אָפּלאָזן? איך לאָז דיך נישט אָפּ! ווען דו גייסט אין גלות קום איך מיט דיר!״** - בכל מקום שגלו ישראל, שכינה עמהם.

גלות מיינט נישט דוקא אַז מען געפינט זיך אין אן אַנדערע לאַנד אָדער מדינה. גלות מיינט אַז אין סיי וועלכע טיפעניש מען געפינט זיך; אין סיי וועלכע ענגשאַפט מען איז, סיי אויב ס׳איז אַ צרה בגשמיות און סיי אויב ס׳איז אַ צרה ברוחניות, **זאָגט דער אויבערשטער: ״איך בין מיט אייך״**. אַזויווי מען דערמאַנט דאָס אין די זמירות פון ׳ברוך ה׳ יום יום׳ - **״בכל צרתם לו צר בסבלות ובעבדות״ - ״ישיב לא נאמר כי אם ושב וקיבץ״.**

## דער רבוש״ע איז מקלס די שיינקייט פון כנסת ישראל

רש״י זאָגט אויפ׳ן פסוק ״אתי מלבנון כלה, אתי מלבנון תבואו״ אַז דער אויבערשטער גייט אויך דאַרפן צוריקקומען פון גלות, ווייל ער איז מיטגעגאַנגען מיט אונז אין די אַלע גליות.

דאָס שטייט אין שיר השירים אויפ׳ן פסוק ״יפה את רעיתי כתרצה נאוה כירושלים אֲיֻמָּה כנגדלות״. - דער אויבערשטער זאָגט פאר אידן: **״אפילו ווען איר זענט אין גלות, אפילו ווען איר**

**זענט נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, ווען איר שפירט ביי זיך געפאלן און נידריג, דעמאָלט זאָג איך אויף אייך "יפה רעיתי כתרצה".** ווי רש"י זאָגט דאָס לשון "**הקב"ה מקלסה**". דער אויבערשטער איז מקלס אידישע קינדער!

### כמים פנים אל פנים

ווען דער איד באַקומט די הרגשה **ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט אים ליב בעת צרה,** בעת וואָס ער קוקט אויס אַזוי נידריג, דעמאָלט געשעעט דער "אני לדודי ודודי לי"!

ווען אַ מענטש דערהערט ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט ליב אידישע קינדער אין יעדן מצב, אפילו ווען ס'איז דאָ עבירות ביי אידן, ווייל ער ווייסט וואָס זיי ווילן באמת, דעמאָלט איז דאָס אויטאָמאַטיש מעורר אַ געוואַלדיגע אהבה פון אַ איד צום רבוש"ע **און אַזוי קען ער מקיים זיין די מצוה פון אהבת ה'!**

### אהבת ה' איז אַ מצוה וואָס נעמט ארום אַלע אַנדערע מצוות

די מצות עשה דאורייתא פון אהבת ה' איז נישט בלויז אַ מצוה פרטיות, **נאר ס'איז אַ מצוה וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע אידישקייט פון אַ מענטש.** יעדע מצוה דאַרף מען דאָך טון מיט אהבת ה'. יעדע מצוה וואָס מען טוט - מיט אהבת השי"ת - איז אינגאַנצן אַנדערש!

### וואס די געזאַנג פון שיר השירים דערציילט פאַר'ן איד

אַ איד וואָס זאָגט שיר השירים ערב שב"ק און ער דערהערט וואָס דאָרט שטייט, האָט ער אַן אַנדערע שבת! ווען ער זינגט צום רבוש"ע איז עס נישט ווי איינער וואָס איז יעצט אַריינגעפאַלן פון גאַס, נאָר ער האָט דאָך יעצט געהערט אַ גאַנצע שיר וואָס דער אויבערשטער כביכול זאָגט אים: **"דו מיינסט אַז דו ביזט אַזוי פאַרקראָכן מיט עבירות אַז דו קענסט שוין נישט צוריקקומען?! זיי נישט קלוגער פון מיר! אַז איך קען דיך ליב האָבן דאַרפסטו זיך נישט אַזוי ערגערן. לעב מיט דעם וואָס איך האָב דיך ליב אין יעדן מצב! לעב מיט דעם אמת ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט ליב יעדן איד".** גאַנץ שיר השירים איז געבויעט אויף דעם יסוד!

### אויך אין דעם גרעסטן שפלות ווערט די אהבה נישט אָפּגעשוואַכט

די אויבערשטער איז אונז מבטיח: "מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה", **אפילו ווען דער איד האָט געזינדיגט!** אפילו ווען ער געפינט זיך אין גלות!

## אַז דו וועסט לערנען אַביסל שיר השירים וועסטו שוין מאָרגן נישט נכשל ווערן!

כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו, אויב אידן זענען אין גלות איז די באַדייט דערפון אַז זיי האָבן געזינדיגט, **ווען זיי וואָלטן געווען אויסגעהאַלטן הונדערט פראָצענט וואָלטן זיי נישט געווען אין גלות.** אָבער דער רבוש"ע זאָגט: "איך ווייס דערפון און איך שטעל אים אונטער מצוות, איך שטעל אים אונטער הילף אַז ער זאָל תשובה טון, איך וועל טון אַלע סאָרט פעולות ווייל איך וויל אים האָבן אויף צוריק!"

### דער טאַטע וויל נישט הערן קיין לשון הרע

ווען מ'קומט פאַרציילן פאַר אַ טאַטע לשון הרע אויף זיינס אַ באַליבט קינד זאָגט דער טאַטע: "איך ווייס דערפון אָבער איך וויל עס נישט הערן, איך האָב אים ליב טראָץ אַלעס, כ'וויל נישט הערן קיין לשון הרע אויף אים".

דערפאַר איז טאַקע לשון הרע אַזאַ דבר מגונה ווייל דער אויבערשטער וויל נישט הערן קיין לשון הרע אויף אַ איד. דער אויבערשטער זאָגט: "איך ווייס דערפון, אָבער כ'האָב אים ליב, איך בין משתוקק צו זיין צוריק נאָנט מיט אים".

דאָס איז דער אמת וואָס שטייט אין שיר השירים. אַ מענטש וואָס ווייסט דאָס נישט, ליגט אין עמקי התהום, ווייל ער ווייסט נישט ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט ליב אַ איד אפילו ווען דער איד איז אין גלות.

### אַלע חסרונות איז נאָר פון אינדרויסן

דער מענטש מיינט אַז ווייל ער איז נישט מצליח אין רוחניות האָט אים דער רבוש"ע פאַרוואָרפן חלילה. **דאָס איז אַ טעות מוחלט ביותר אין די יסודות הדת!** דער אויבערשטער האָט נישט פאַרוואַרפן, נישט דיך, נישט דיין טאַטע און אויך נישט קיין קינד.

דער רבוש"ע זעט דאָס גאַנצע בילד און דער אויבערשטער זאָגט: "דאָס הייסט אַ גלות און איך האָב זיי ליב אין דעם גלות". דער אויבערשטער רעדט וועגן די שיינקייט פון אידן: **"כולך יפה רעיתי ומום אין בך, שערך כעדר העיזים וכו' שיניך כעדר הקצובות".** יעדע משל גייט אַרויף אויף נאָך אַ מדה טובה וואָס אידן פאַרמאָגן, רחמנים ביישנים גומלי חסדים. איי, ס'האָט זיך געמאַכט עפעס וואָס האָט נישט געדאַרפט זיין?! **דאָס איז בלויז פון אינדרויסן, ס'איז נישט זייער אמת'ע פנימיות.**

### די אהבה וואָס ליגט אונטער די גדרים וסייגים

אין שיר השירים שטייט וויאַזוי די אומות העולם קומען זאָגן "שובי שובי השולמית", זיי לאַכן אָפּ פון אידן: "נעה, ס'איז נישט אַזוויו איר זאָגט, דער רבוש"ע האָט אייך אַוועקגעוואָרפן". אָבער כנסת ישראל זאָגט: **"ס'איז נישט אמת! ס'איז נישט אמת! ער האָט אונז יאָ ליב!".**

דער פסוק לויבט אויס אידן: "סוגה בשושנים" - אידישע קינדער מאַכן זיך גדרים וסייגים, אידן פרובירן זיך אָפּצוהיטן. **וויפיל אהבה ליגט אין דעם?!**

אַ איד פרובירט, ער מאַכט אַזאַ סאָרט גדר כדי ער זאָל נישט נכשל ווערן, דאַן מאַכט ער אַן אַנדערע גדר, ער קריגט זיך מיט'ן יצר הרע. אַמאָל איז ער יאָ מצליח און אַמאָל האָט ער ליידער נישט מצליח געווען, מאַכט ער נאָך אַ שטאַרקערע גדר, ער דאַוונט אויף דעם. וויפיל אהבה ליגט דאָ?! **דער רבוש"ע זעט וויאַזוי ער פרובירט צו זיין נאָנט מיט'ן אויבערשטן.**

פאַרוואָס זאָל מען נישט לערנען די חלק פון תורה?! **ווען אַ מענטש לערנט שיר השירים גייט אַריין די אור ביי אים אין האַרץ,** ער איז דערמיט מקיים דעם ריכטיגן לימוד התורה און זיין האַרץ ווערט קודש קדשים פאַר'ן רבוש"ע! אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ - **ס'איז אַזעלכע דיבורים וואָס מ'קען נישט זיין קיין ערליכער איד אָן דעם.**

ד

## פסקה זוהמתן; די פסוקים פון אהבת השי"ת וואַשן אויס דעם גאַנצן זוהמת הנחש

### נפסק געוואָרן די כח פון דעם נחש הקדמוני

ביז יעצט האָט מען גערעדט אַז מען איז פשוט מחויב צו מעורר זיין די אהבה להשי"ת, ווייל ס'איז אַ מצות עשה פון אהבת ה', **דעריבער דאַרף מען לערנען און פאַרשטיין ווי שטאַרק**

**דער רבוש"ע האָט אונז ליב און וויאַזוי כנסת ישראל רעדט צוריק צום אויבערשטן.** די גאַנצע שיר השירים איז אַ געזאַנג וואָס איינער זאָגן אויפ'ן צווייטן, **אפילו ס'איז געווען וואָס ס'איז געווען**, אָבער ס'איז געבליבן אַ מורא'דיגע קשר.

אין **זוהר הק'** איז דאָ נאָך אַ חלק איבער דאָס גרויסקייט פון לערנען שיר השירים:

עס שטייט אין זוהר חדש (רות דף כ"א ע"ב): "**בההוא זמנא דהמלך שלמה גלי שיר השירים**" - אין דער צייט וואָס שלמה המלך האָט מגלה געווען דעם אור פון שיר השירים. "**זוהמא דההוא נחש קדמאה דאטיל באדם וחוה אתפסק מעלמא**" - דעמאָלט איז בטל געוואָרן די זוהמא וואָס דער נחש הקדמוני האָט אַריינגעלייגט אין אדם וחוה.

### די אהבה פון שיר השירים וואַשט אָפּ אַלע שלעכטע משיכות

**חז"ל** זאָגן דאך (מסכת שבת קמו, א) אַז ביים חטא עץ הדעת האָט דער נחש אַריינגעלייגט אַ זוהמא אין חוה, וואָס גייט אַריבער צו אירע קינדער, אַלע מענטשן אויף דער וועלט. ווען אידן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני איז געווען "פסקה זוהמתן", אָבער נאָכדעם ווען זיי האָבן זיך פאַרזינדיגט איז צוריקגעקומען די זוהמא.

מ'זעט דאָרט אין די גמרא אַז **די זוהמא ברענגט אַלע חלאי הנפש און אַלע פסול'ע משיכות וואָס איז דאָ ביי די גוים**, ווי די גמרא זאָגט דאָרט אַז די גוים האָבן גאָר אַ שטאַרקע זוהמא ווייל ס'איז ביי זיי געבליבן די גאַנצע זוהמא פון דעם נחש הקדמוני און זיי זענען נישט געשטאַנען ביים באַרג סיני. **די זוהמא איז נישט אַזאַ סאָרט שמוץ וואָס מ'קען אָפּוואַשן מיט וואַסער**. מ'דאַרף דערפאַר האָבן אַ 'מתן תורה' ביים באַרג סיני, מדארף דערפאַר האָבן קדושה וטהרה, דעמאָלט קומט אַראָפּ די זוהמא.

דערפאַר שטייט אין זוהר הק' אַז ווען אַ איד ווערט צעפלאַקערט אינעווייניג פון זיין נאָענט שייכות און ידידות וואָס ער האָט מיט'ן רבוש"ע, ווען ער הייבט אָן כאַפּן ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט אים ליב, ווי שטאַרק דער אויבערשטער מוטשעט זיך מיט זיין צער, ווען אַ מענטש הייבט אָן רעדן אָפּן מיט'ן אויבערשטן: "רבוש"ע, איך ווייס אַז דו ביזט מיט מיר, כ'וויל זיך גאָר שטאַרק פאַררעכטן, איך קען נישט, אָבער איך ווייס אַז די שכינה הק' שפּירט מיין צער". ווען אַ מענטש פאַרשטייט דאָס, **וועט זיין אהבה צו השי"ת ווערן אַזוי שטאַרק אַז דאָס וועט אויסלעשן אַלע אַנדערע משיכות צו נישט גוטע זאַכן.**

### אהבת ה' איז מבטל אַלע נאַרישע תאוות

די 'מים רבים' פון תאוות, 'לא יכלו לכבות את האהבה' קענען נישט פאַרלעשן די אהבת ה', **ווייל די אהבת השי"ת איז אַסאַך שטאַרקער פון זיי!** ווילאַנג די אהבת ה' איז באַהאַלטן און דער מענטש שפּירט עס נישט, ווייל ס'איז נישט אַרויסגעקומען אין דער עפנטליכקייט, דעמאָלט קענען די 'מים רבים' פון דעם יצר הרע זיין אַרום דעם מענטש, **אָבער אין דער מינוט וואָס די אהבה קומט אַרויס, ווערן אַלע תאוות און משיכות רעות בטל!**

**עס האָט זיך אונז אַלע געדאַכט דעמאָלט אַז מען האָלט שוין זיכער נאָך די גאולה שלימה!**

רבי שמעון בר יוחאי זאָגט אונז דאָ אין דעם זוהר הק', **אַז דער אור פון שיר השירים איז אַסאַך שטאַרקער ווי די זוהמת הנחש!**

אין דעם טאָג וואָס שלמה המלך האָט מגלה געווען דעם שיר השירים האָט ער מגלה אַזאַ מין אור וואָס איז שטאַרקער ווי דער זוהמת נחש! דאָס איז אַ מציאות וואָס מ'קען זען און שפּירן בחוש, אַז ווען אַ מענטש איז זוכה צו שפּירן 'קרבת אלקים', ווען אַ איד איז זוכה צו אַ גוטע מינוט פון האָבן אַ נאָנטע שייכות מיט'ן רבוש"ע, **דעמאָלט רעדט נישט צו אים די אַלע תאוות**, ס'שלעפּט אים נישט! פאַרוואָס?! ווייל דאָס אַרבעט אייביג אויף אַן אופן פון "זה לעומת זה עשה האלוקים". ווי דער **רמב"ם** זאָגט אַז די תורה הק', מיט די אהבת ה' וואָס ליגט אין די תורה, איז שטאַרקער פון די משיכה צו עריות!

### אויסנוצן דעם כח המשיחה פאַר קרבת ה'

יעדער מענטש האָט אַ כח המשיכה. **די כח המשיכה איז דאָס זעלבע ביי דעם גוף און ביי דער נשמה.** אויב דער גוף שלעפּט דאָס דעמאָלט גייט עס חלילה צו נישט גוטע זאַכן, ווידעראום אויב די נשמה ציהט אים צו קרבת אלקים **דעמאָלט פאַרלירט די גוף זיין כח המשיכה.** ביידע קענען נישט אַרבעטן צוזאַמען, אַזויווי די גמרא זאָגט ביי אַ קינד וואָס ווערט געבוירן: "נפתח הסתום ונסתם הפתוח", ווייל מ'קען נישט לעבן אויב ביידע זענען אָפּן אָדער ביידע זענען פאַרמאַכט. **ס'קען נישט זיין ביידע אויף דער זעלבער צייט.**

דאָס זעלבע איז ביי דעם ענין פון אהבה. ווען ס'ווערט נתעורר די אהבה צום רבוש"ע **ווערט נפסק די זוהמא פון דעם נחש הקדמוני**, עס ווערט פאַרקלאַפּט!

### מיט אהבת ה' הרג'ט מען דעם נחש הקדמוני

אַזוי דערציילט טאַקע די גמרא אויף ריש לקיש אַז אין אָנהויב האָט ער געהאַט אַזאַ מין משיכה צו נישט גוטע זאַכן אַז ער איז איבערגעשפּרינגען דעם ירדן פון איין זייט צום אַנדערן דערפאַר, און רבי יוחנן האָט אים געזאָגט "חילך לאורייתא", נעם די זעלבע משיכה און לייג עס אַריין אין 'אורייתא' - אין דער תורה הק'!

מענטשן מיינען אַז 'אורייתא' מיינט בלויז די חלק האותיות פון דער תורה. אַ 'קצות', אַ 'נתיבות', וכדומה. דער אמת איז אָבער אַז דער 'קצות' מיט'ן 'נתיבות' האָבן אויך נאר זוכה געווען צו מחדש זיין אַזעלכע ספרים, **ווייל זיי זענען געווען פאַרקאָכט אין דעם רבוש"ע.** זיי האָבן געהאַט אַזאַ קרבת אלקים אַז דורכדעם האָבן זיי פאַרשטאַנען תורה מיט אַזאַ עמקות!

**ווען מ'רעדט פון 'חילך לאורייתא' רעדט מען וועגן די אהבה צום רבוש"ע.** דאָס שטייט דאָ אין זוהר הק' אַז אויב ס'וועט נתעורר ווערן די אהבה ביים מענטש **וועט דאָס פאַר'הרג'נען דעם נחש הקדמוני!** עס וועט פאַרקנאַקן דעם גאַנצן פּראָבלעם מיט די נסיונות!

### לערנען שיר השירים העלפט מבטל זיין דעם גאַנצן רע

קומט אויס אַז אַ איד איז מחויב צו לערנען די פסוקים פון שיר השירים מיט די רש"י'ס און די מאמרי חז"ל, **וויבאַלד דאָס אַליין וועט מאַכן אַז ער זאָל זיין אַן אמת'ער 'סור מרע'!** דאָס וועט ממילא אָפּהרג'נען דעם רע.

אודאי ווייל נישט דער יצר הרע אַז אַ איד זאָל עוסק זיין אין די פסוקים וואָס רעדן ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט ליב יעדן איד! דאָס איז דאך אַזאַ מין רשעות פון דעם יצר הרע! דער אמת איז אדרבה ואדרבה! פונקט פאַרקערט! **אַז דו וועסט לערנען אַביסל שיר השירים וועסטו שוין מאָרגן נישט נכשל ווערן!** אַזוי זאָגט דער זוהר הק' אַז דעם טאָג וואָס שלמה המלך האָט מגלה געווען שיר השירים איז בטל געוואָרן דער נחש הקדמוני. אודאי דאַרף אַ איד עוסק זיין אין שיר השירים און ווערן מחובר מיט די אהבת ה' וואָס ליגט אין די פסוקים פון שיר השירים!

ה

# קרבה אל נפשי גאלה; שיר השירים שײַנט אַריין אַ גאולה'דיגע אור אין דער אידישער נשמה

## פאַרוואָס האָבן די אנשי כנה"ג געוואָלט אויסרעכענען שלמה המלך

ס'איז דאָ אַ פּלא'דיגע שטיקל אין ספה"ק **דברי יחזקאל** פון דעם הייליגן **שינאָווער רב** זי"ע (אגדות בבא בתרא דף ט"ו), אויף די גמרא אין פּרק חלק (סנהדרין, קד, ב) וואו די גמרא רעכנט אויס אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין חלק לעולם הבא, און די גמרא זאָגט "בקשו עוד למנות אחד" - די אנשי כנסת הגדולה האָבן געוואָלט אויסרעכענען נאָך איינעם, שלמה המלך, אַז ער זאָל אויך זיין פון די וואָס 'אין להם חלק לעוה"ב'. ביז ס'איז אַרויס אַ בת קול פון הימל אַז מ'זאָל דאָס נישט טון און דעריבער האָבן זיי אים נישט אַריינגעלייגט אין דער רשימה.

די גמרא איז אַ פּחד נאָכצוזאָגן, ס'איז זייער טיפע סודות התורה. שטייט אין דברי יחזקאל: "שמעתי" - איך האָב געהערט אַז מען האָט דערציילט פאַר הרה"ק רבי ר' **ברוך'ל ממעזיבוז** זי"ע אַז מ'האָט געפרעגט פון הרה"ק רבי ר' **אלימלך מליזענסק** זי"ע פאַרוואָס טאַקע האָבן די אנשי כנסת הגדולה געוואָלט זאָגן אַזאַ זאַך אויף שלמה המלך.

## שיר השירים קען מקרב זיין די גאולה שלימה

האָט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע געענטפערט אַז "כל מגמתם של בני אברהם יצחק ויעקב הוא לעשות רצון הבורא"- די אנשי כנסת הגדולה האָבן געשפּירט אַז דאָס איז דער רצון ה', ווייל זיי האָבן געזען אַז שיר השירים איז אַזוי גרויס אַז ס'קען אפילו ברענגען די גאולה, זיי האָבן געזען אַז די געוועדער און דער כח וואָס שיר השירים פאַרמאָגט איז אַזוי גרויס אַז ס'קען צוקומען צו אַ פּראָבלעם מצד די 'שלש שבועות'!

ווי די גמרא ברענגט אין מסכת כתובות (דף קיא ע"ב) אַז השי"ת האָט משביע געווען אידישע קינדער נישט צו ברענגען די גאולה בכח, און רש"י זאָגט דאָרט אַז איינס פון די וועגן וואָס הייסט ברענגען די גאולה בכח איז **'שלא ירבו בתחנונים על כך יותר מדאי'.**

## דער פּראָבלעם פון מפציר זיין פאַר דער גאולה, אָן קיין אמונה

אין אַנדערע ווערטער: **אַ איד דאַרף גלייבן אַז ס'איז דאָ אַ תכלית אין דעם גלות אַליין** און ער דאַרף דאַווענען מיט אַן הכנעה: "רבוש"ע, מיר זענען אַזוי שטאַרק משתוקק פאר די גאולה, ולירושלים עירך ברחמים תשוב, אָבער זעט אויס אַז ס'איז נאָכנישט געקומען די צייט, ס'איז דאָ אַ חשבון פון נשמות, והטוב בעיניך עשה"!

אויב אַ איד ווערט אַזוי 'אויסער זיך' פון דעם גלות. ער איז אַזוי פאַרלוירן אַז ער זאָגט: "איך וויל נישט הערן פון גאָרנישט, איך וויל שוין האָבן די גאולה יעצט". ער קען נישט גלייבן אַז דער גלות האָט אַ תכלית און ס'איז דאָ אַ חשבון דערביי. ער קען נישט צולייגן די שורה פון 'והטוב בעיניך עשה', **דעמאָלט איז דאָס אויך נכלל אין דעם ענין פון מכריח זיין דעם קץ.**

אודאי איז מען משתוקק אויף די גאולה, אודאי בעט מען יעדן טאָג פאר די גאולה, אָבער אַן ערליכער איד ווייסט אַז ס'איז דאָ אַ תכלית אין דעם גלות! **דער רבוש"ע ווארט אַז נאָך אַ נשמה זאל צוריקקומען, נאָך אַ נשמה זאל צוריקקומען.** דערפאַר דאַרף מען צולייגן צו די תפלה אויף די גאולה אַז "איך ווייס אַז יעדע זאַך איז אויסגעהאַלטן, אף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו".

## די כוונה פון די אנשי כנה"ג נישט צו מקרב זיין די גאולה בכח

על כל פּנים, האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט אַז ווען שלמה המלך האָט געמאַכט שיר השירים איז דאָס ממש געווען אַן ענין פון מקרב זיין די גאולה בכח, דעריבער האָבן די אנשי כנסת הגדולה געוואָלט אַוועקנעמען דעם כח פון שלמה המלך, כדי די גאולה זאָל נישט קענען קומען דורך שיר השירים, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם ענין פון די שלש שבועות.

טאַקע וויבאַלד זיי האָבן געוואָלט מקיים זיין דעם רצון הבורא האָבן זיי געקלערט פון אַוועקנעמען דעם אור פון שיר השירים. ווייל אויב דער רצון ה' איז מ'זאָל זיין אין גלות, מיינט דאָס אַז ס'קען נישט זיין קיין שיר השירים! אָבער די גמרא פירט אויס אַז פון הימל האָט מען זיי נישט געלאָזט דאָס טון, ווייל מ'האָט זיי געזאָגט: **"ס'איז נישט אייער דאגה וויאַזוי צו פירן דעם גלות, איר האָט נישט קיין רשות אַוועקצונעמען אַזאַ אור ווי שיר השירים פון כלל ישראל... לאָזט דעם גלות פאַר'ן רבוש"ע..."**

## מ'קען אויסגעלייזט ווערן פון דעם אייגענעם גלות

אין די ווערטער פון ר"ר אלימלך ליגט אַ מורא'דיגע עומק און אַ לימוד, אַז ווען אַ איד וועט זאָגן שיר השירים און **ער וועט דערהערן ווי ליכטיג ס'איז אים אפילו ווען ס'איז טונקל,** דעמאָלט וועט דער אור ברענגען פאַר'ן מענטש אַז **ער וועט באמת אַרויסגיין פון זיין גלות!**

פאַרוואָס איז דער מענטש אַזוי פאַרקראָכן און אַזוי צעבראָכן?! ווייל ער זעט וויפיל צער

אותיות מחכימות — ספה"ק דברי יחזקאל אגדות ב"ב דף ט"ו ע"א

ששמעתי דספרו לפני הה"ק ממעזיבוז זלה"ה, דשאלו את הרה"ק מוהר"ר אלימלך זלה"ה, דמפני מה רצו אנשי כנסת הגדולה לפסוק את שלמה המלך ע"ה שאין לו חלק לעולם הבא.

כדאיתא סנהדרין (קד) אמר רב יהודה אמר רב בקשו עוד למנות אחר, (פירש"י: אנשי כנסה"ג שמנאו להנך מלכים והדיוטות דקתני במתניתין אין להם חלק לעולם הבא בקשו למנות עוד אחד, שלמה המלך ע"ה) באה דמות דיוקנו של אביו ונשטחה לפניהם ולא השגיחו עליה. באה אש מן השמים ולחכה אש בספסליהם ולא השגיחו עליה, יצאה בת קול ואמרה להם חזית איש מהיר במלאכתו וגו' (משלי כב) מי שהקדים ביתי לביתו ולא עוד אלא שביתי בנה בשבע שנים וביתו בנה בשלש עשרה שנה וכו' ולא השגיחו עליה.

יצאה בת קול ואמרה (איוב לד לד) המעמך ישלמנה כי מאסת כי אתה תבחר ולא אני וגו'. (פירש"י: המעמך ישלמנה וכי עליכם לשלם תשלומי עונשו לאדם שאתם נמאסים בו בשלמה לומר שאין לו חלק לעוה"ב, כי אתה תבחר ולא אני, וכי הבחירה בכם תלוי ולא בי לומר מי שיש לו חלק ומי אין לו חלק הלא בי הדבר תלוי). דמאי איכפת להו לאנשי כנה"ג אם יש לו חלק לעולם הבא.

והשיב להם הרה"ק מהר"א זלה"ה, דכל מגמתם של בני אברהם יצחק ויעקב הוא לעשות רצון הבורא, וראו אנשי כנסה"ג דשיר השירים הוא גדול כל כך דעל ידי שיר השירים לבד יכול להיות הגאולה, ולכן רצו לפסוק את שלמה המלך ע"ה שהוא אין לו שייכות לשיר השירים, כדי שהגאולה לא תוכל להיות ע"י שיר השירים, כמאמר חז"ל (כתובות קיא) השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ, שהשביע הקב"ה את ישראל שלא ידחקו את הקץ, פרש"י ז"ל שלא ירבו בתחנונים על כך יותר מדאי.

והשיבו להם מן השמים שזאת אין דאגה שלכם, ולא תוכלו לפסוק אותו מעולם הבא עכדה"ק.

וכאשר ספרו כן לפני הרה"ק ממעזיבעז זלה"ה, נעשה פניו בוערת כלפיד אש והכה בדלת וסגר את עצמו בחדרו כל היום, ואמרו עליו שהיה לו ניצוץ משלמה המלך ע"ה.

אידישע קינדער מאַכן ליידער מיט, אין לך יום שאין צרתה מרובה מחברתה, ער זעט וויאַזוי מענטשן ווערן נכשל מיט יצר הרע'ס, מ'זעט נישט אַז אידן האָבן גרויסע מדריגות ווי אַמאָל, און דער מענטש זאָגט זיך אַליין: **"אויב אַזוי, וואָס וועט זיין דער תכלית?! בקיצור, ס'איז אָנגעזעצט דער מצב"...**

אָבער אויב דער מענטש וועט טאַקע שפּירן ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט הנאה פון יעדע משהו וואָס אַ איד פּרובירט, ווייל דער אויבערשטער ווייסט פון די אַלע יצר הרע'ס, ער האָט דאָס געמאַכט צוליב אַ תכלית, **דעמאָלט ברענגט דאָס גאולה.**

אויב דער מענטש ווייסט ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט אים ליב אין יעדן מצב, **דעמאָלט קען דער מענטש זיין אין בית המקדש יעצט!** ער קען שוין זען דעם בית המקדש בתפארתה! כהנים בעבודתם, לווים בדוכנם וישראל במעמדם. **דו האסט בכח אין דיין נקודה פנימיות דאָס צו קענען שפּירן יעצט!** דו דאַרפסט זיך נאר מתעמק זיין און אַריינגיין אין דעם אור פון שיר השירים, וועסטו דאָס שפּירן!

## יעדער האָט געשפּירט אַז מ'האַלט שוין נאָך די גאולה שלימה...

ס'איז דאָ מעשה וואָס דער **ברך משה פון סאַטמאַר** זצ"ל פלעגט פאַרציילן וואָס ער האָט מיטגעלעבט אַלס קינד, וואָס די מעשה ברענגט אַרויס דעם שטיקל דברי יחזקאל מיט'ן זוהר הק', מיט די שטאַרקסטע קאָלירן!

דער ברך משה האָט דערציילט אַז ווען זיין פעטער, הרה"ק **מסאַטמאַר** זי"ע, האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער, הרבנית הצדיקת רחל ע"ה, מיט'ן חתן, הגה"צ רבי **יקותיאל יהודה** זצ"ל, דער זון פונעם **עצי חיים** זצ"ל. איז דער ברך משה דעמאָלט געפאַרן, פון סיגוט קיין קראָלי, צו דער חתונה פון זיין ברודער. די חתונה איז געווען אין כסלו און ער איז שוין פאַרבליבן דאָרט אין קראָלי אויף עטליכע חדשים ביז נאָך פּסח, אין שטוב פונעם סאַטמאַרער רב זי"ע. אַזוי איז אים אויסגעקומען צו קענען דאָרט מיטהאַלטן דעם סדר נאַכט.

פלעגט דער ברך משה זצ"ל זאָגן פאר זיינע תלמידים מיט דעם לשון: "איך פאַרצייל פאר די בחורים, וואָס כ'האָב זוכה געווען צו זען מיט מיינע אויגן, אַז דער יונגער דור וואָס האָט נישט זוכה געווען צו קענען דעם פעטער ז"ל, זאָלן וויסן וואָס דער צדיק איז געווען.

"ווען איך בין געווען אַ קינד, בין איך געווען ביים סדר פונעם פעטער אין קראָלי. נאָכ'ן סדר זענען געקומען אידן פון דער שטאָט צו זיין שטוב. ס'איז דאָרט געווען אַ גרויסער ציבור אידן און דער פעטער ז"ל האָט געזאָגט מיט'ן גאַנצן ציבור אינאיינעם שיר השירים פּסוק בפּסוק, מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזעלכע בכיות,


> **דער יצר הרע וויל נישט אַז אַ איד זאל לערנען די פּשוט'ע פּשט פון שיר השירים**


בדמעות שליש, מיט אַזעלכע הרגשים פון אהבה צום אויבערשטן, ביז ס'איז געוואָרן טאָג! ".

און ער האָט אויסגעפירט: **"עס האָט זיך אונז אַלע געדאַכט דעמאָלט אַז מען האַלט שוין זיכער נאָך די גאולה שלימה! כ'קען דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן ביז היינט!** דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס די גמרא זאָגט (כתובות קיא) אויפ'ן פּסוק "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום", אַז ווען מ'איז דבוק צו אַ תלמוד חכם איז מען דבוק צום אויבערשטן אַליין!".

## ביי צדיקים האָט מען געזען בחוש די אור הגאולה דורך שיר השירים

דער ברך משה האָט פאַרציילט דעם מציאות וויאַזוי ס'איז געווען, און שפּעטער אַז מ'זעט אַז אין דברי יחזקאל שטייט די זעלבע ווערטער בשם הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע, זעט מען אַז דאָ שטייט עס אין דעם ספר, און דאָ זאָגן מענטשן וואָס האָבן זוכה געווען צו שפּירן, **אַז ס'איז טאַקע געווען אַזוי!** אַז מ'איז געקומען צו אַ צדיק און מ'האָט געזאָגט שיר השירים מיט די קדושה פון פּסח ביינאַכט, איז מען געוואָרן אויפגעהויבן צו אַ מדריגה פון די גאולה!

## אַז מ'דערהערט די אהבת ה' איז מען אַ געהאָלפענער

דער יסוד הדבר פון דער זאַך איז ממש זייער פּשוט: מיר זענען אַזויווי אן 'אגוז' וואָס ס'ליגט אַרומגענומען מיט אַ 'קליפּה'. **אונזער נשמה איז אַרומגענומען מיט אַ קליפּה** וואָס פאַרקויפט אונז שטותים מיט שקרים אַז: "דער אויבערשטער וויל נישט הערן וואָס איך האָב צו זאָגן"...

דאָס טוישט זיך אָבער ווען אַ מענטש לערנט די ליכטיגקייט וואָס איז דאָ אין די אותיות פון שיר השירים, וואָס רש"י הק' לערנט אונז, אפילו אויב דער מענטש ווייסט נישט אַלע הויכע סודות הק' וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן. - וואָס בעצם, די אַלע סודות זענען אויך מגלה ווייטער און העכער דעם זעלבן אור: די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אידן אפילו זיי זענען וואו זיי זענען - ווען אַ מענטש וואָלט דערהערט אַז דער אויבערשטער ווארט און טוט פּעולות צו זיין נאָענט מיט'ן איד, **איז אַזאַ מענטש ממש אַ געהאָלפענער!** ער ווערט נאָענט צום רבוש"ע, און **אַז ער ווערט נאָענט צום רבוש"ע ווערן זיינע פּראָבלעמען מיט זיינע חטאים אויסגעמעקט!**

די אַלע ענינים פון תשובה וואָס מ'טוט איז דאך אַלעס כדי צו נאָענט ווערן צום אויבערשטן, אויב אַ איד איז נאָענט צו השי"ת ווערט ער שוין געהאָלפן פון אַלע זיינע מצבים!

## אַ געוויין פון עונג

לאָמיר נאר אויספירן מיט דעם באַקאַנטן לשון פון דעם **טורי זהב** אין הלכות שבת (או"ח סימן רפ"ח סק"ב) לגבי די הלכה אַז מ'טאָר נישט וויינען אום שבת: **"איתא באגדה שמצאו תלמידיו של רבי עקיבא שהיה בוכה בשבת** - די תלמידים פון רבי עקיבא האָבן אים געטראָפן וויינען שבת. **"ואמר עונג יש לי"** - האָט זיי רבי עקיבא געזאָגט אַז דאָס איז פאַר אים אן עונג.

זאָגט דער טורי זהב: **"ונראה לי דהיינו שמרוב דבקותו בהקב"ה זולגים עיניו דמעות, שכן מצינו ברבי עקיבא בזוהר חדש שהיה בוכה מאוד באמרו שיר השירים באשר ידע היכן הדברים מגיעים, וכן הוא מצוי במתפללים בכוונה** . - רבי עקיבא האָט משיג געווען ווי שטאַרק ס'איז די אהבה פון דעם אויבערשטן צו יעדן איד, ער האָט דאָך געזאָגט די משנה פון 'אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם', האָט דאָס אים אַזוי איבערגענומען, עד כדי בכיי'.

## מיט די אַלע אויסדרוקן פון אהבה האָט מען דיך געמיינט

די נקודת הדברים איז אַז **דער יצר הרע וויל נישט אַז אַ איד זאל לערנען די פּשוט'ע פּשט פון שיר השירים.** ער וויל אַז דער מענטש זאל זאָגן אַז ס'איז סודות און קודש קדשים. **אודאי איז דאָס קודש קדשים, ווייל עס מאַכט פון אַ מענטש קודש קדשים!** עס ברענגט אויס דאָס שלעכטס פון אַ איד, אָפּגעזען אין וועלכע מצב ער געפינט זיך נאר!

וויפיל ליכטיגקייט קען מען באַקומען ווען מען לערנט אַביסל שיר השירים, פאַרשטייענדיג אַז **"דיך האָב מען געמיינט דאָרט"**. פון וועלכע גלות רעדט מען דאָרט? **מען האָט געמיינט דיין אייגענע גלות!** דער רבוש"ע האָט דאָס געוואוסט און דער רבוש"ע איז דיך מחבב און מקלס. ער וויל זיין נאָענט מיט דיר אפילו אין דעם מצב!

ווען אַ מענטש זאָגט די דיבורים און די אותיות העלפט עס אַז ער באַקומט די מצות עשה'ס פון 'לאהבה את ה'" און ער קען מקיים זיין אַלע לא תעשה'ס און סור מרע'ס. **אַזוי איז דער לימוד פון שיר השירים אַ קיום פון אַלע מצוות!**

## שביעי של פסח

**דבר אל בני ישראל ויסעו;**
די בריאה בייגט זיך פאר אַ איד וואָס פאָלגט די תורה

יום ב' פרשת בשלח, ב' שבט תשפ"ב

# מלכותו ברצון קבלו עליהם; קריעת ים סוף פאַרציילט אַז דער כח פון אמונה איז שטאַרקער ווי דער כח פון טבע

### די זכות פון אמונה איז גענוג צו שפּאַלטן דעם ים

אידן שטייען על שפת הים און זיי וויסן נישט וואָס צו טון ווייטער. דאָ האָט מען געמיינט אַז מ'איז שוין פּטור געוואָרן פון די מצרים און פּלוצים טרעפט מען זיך אין אַ מצב וואָס דער דער ים איז פאָרנט פון זיי און די מצרים לויפן פון הינטער זיי. ס'איז צרות צרורות.

אידן שרייען צום אויבערשטן, און דער רבוש"ע זאָגט פאר משה רבינו: "מה תצעק אלי?! דבר אל בני ישראל ויסעו". דאָס איז אַ שווערע פּסוק. אודאי דאַרף מען דאַווענען און שרייען צום אויבערשטן! דאָס איז דאך די זאַך וואָס אַ איד טוט ווען ער איז אין עת צרה.

רש"י זאָגט אויף דעם פּסוק: **"דבר אל בני ישראל ויסעו - אין להם אלא ליסע, שאין הים עומד בפניהם. כדאי זכות אבותיהם והם, והאמונה שהאמינו בי ויצאו, לקרוע להם הים"** - זיי האָבן נישט אַ זאַך וואָס זיי דאַרפן טון, בלויז אַריינגיין ווייטער אין דעם וואַסער! איי, זעהסט דאך אַז ס'איז דאָ אַ וואַסער?! פאָרט ווייטער, וועט איר זען אַז דאָס וואַסער איז נישט מעכב! ווייל ס'איז כדאי די זכות פון זייערע עלטערן און די זכות פון די אידן, ס'איז כדאי די אמונה וואָס זיי האָבן געהאַט אין מיר ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים, אַז דער ים זאָל זיך שפּאַלטן פאר זיי.

### אַז מ'האָט אמונה דאַרף מען נישט מורא האָבן פון די סדרי הטבע

דו זעהסט אַ וואַסער און דו פאַרשטייסט אַז דאָס גייט דיך מעכב זיין אַז דו זאָלסט נישט קענען גיין ווייטער, זאָלסטו וויסן אַז ס'איז דיך נישט מעכב! גייט ווייטער! שאין הים עומד בפניהם! פאַרוואָס נישט?! **ווייל ס'איז דאָ אַ זכות אבות און ס'איז דאָ די אמונה וואָס איר האָט אין השי"ת.** די אמונה איז שטאַרקער פון די וואַסער וואָס שטייט פאָרנט פון אייך! האָט נישט מורא, איר קענט רואיג גיין.

אויף אונזער שפּראַך וואָלט מען דאָס געזאָגט אַזוי: ראובן זעט ווי שמעון לאָזט אים נישט עפּעס טון, ער וויל זייער שטאַרק טון די זאַך און ער זוכט אַן עצה וויאַזוי ער קען עס יאָ דערגרייכן. דערציילט ער דאָס פאר אַ דריטן אַז: "איך האָב מורא צו גיין, יענער לאָזט מיך נישט". זאָגט אים יענער, וואָס קען דעם שמעון: **"האסט מורא פון אים?! ער איז גאָרנישט! גיי ווייטער וועסטו זען אַז ער קען גאָרנישט טון"**... אַמאָל איז דאָ אַ אינגערמאַנטשיק פון 21 יאָר וואָס מאַכט אַ מצב, ער לאָזט יאָ, ער לאָזט נישט, ווער איז ער בכלל?! אַז דו דאַרפסט גיין, גיי ווייטער און ער וועט שוין אַוועקפאַלן פאַר דיר!

### גיי מיט'ן רבוש"ע וועט דיך גאָרנישט מעכב זיין

בדרך כלל ווען אַ מענטש דארף עפּעס טון און די טבע לאָזט אים נישט, ס'שטימט נישט מיט די כללים פון טבע, פאַרשטייט ער אַז מען ברויך זיך צושטעלן צום מצב. דאָס איז עס. איך בין דאך בסך הכל אַ מענטשעלע און דאָ שטייט אַ זאַך פאָרנט פון מיר און ס'איז שטאַרקער פון מיר. איך קען זיך נישט אָנהייבן דערמיט. ס'איז אַ שטאַרקע מעכב.

זאָגט דער אויבערשטער פאַר'ן מענטש: **דאָס ווענדט זיך אין דיר!** אויב ביזטו טאַקע אַ פּשוט'ער מענטש און דו האסט אַן עיכוב פאָרנט פון דיר, דעמאָלט איז טאַקע די סדרי הטבע שטאַרקער. אָבער אויב דו האסט די אבות הק', אויב דו האסט די אמונה אין השי"ת, **דעמאָלט איז דאָס שטאַרקער!** קענסטו פארן ווייטער, אַריין אינעם וואַסער!

אַמאָל זעט מען אַז אַ מענטש האָט מורא טון עפּעס אַ זאַך. אויב מ'קען דעם מענטש זאָגט מען אים: "דו האסט נישט וואָס מורא צו האָבן! דו ביזט שטאַרקער דערפון! דו וועסט עס קענען מאַכן! קענסט רואיג גיין ווייטער". דער רבוש"ע האָט אַזוי אָפּגעלערנט דעם מצב פאַר אידישע קינדער. ער האָט זיי מסביר געווען אַז: **"דו ביזט שטאַרקער! האסט נישט קיין זאַך וואָס איז דיך מעכב!"**.

### די עצה פאר מקטרגים איז: מער אמונה!

אין **אור החיים הק'** איז דאָ אַ באַקאַנטער הייליגער שטיקל אויף דעם פּסוק, וואו דער אור החיים הק' שמועסט אויס אַז דאָ איז דאך געווען אַ פּראָבלעם; אידן זענען געווען אין אַ מצב פון דינים, ס'איז דאָ מצרים און ס'איז דאָ מקטרגים וואָס שרייען 'הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז'. ס'איז נישט געווען קיין פּשוט'ע מצב.

האָט דער אויבערשטער געזאָגט פאַר משה רבינו: די **עצה קעגן די מקטרגים איז אַז אידן זאָלן זיך מחבר זיין מיט'ן אויבערשטן.** די מקטרגים שטייען אַלעמאָל צווישן דעם אויבערשטן מיט'ן מענטש, זיי מאַכן אַזויווי אַ מחיצה און זיי זענען מעכב. אָבער **ווען אַ איד ווערט נאָענט מיט'ן אויבערשטן, דורך אמונה מיט בטחון, ברעכט ער דורך די מחיצה!** און אַז דו ברעכסט דורך די מחיצה ביזטו שוין צוריק נאָענט מיט'ן אויבערשטן און דו האסט שוין נישט וואָס מורא צו האָבן!

זאָגט דער אור החיים הק' אַז דאָס האָט השי"ת געזאָגט פאַר משה רבינו: רעדט צו אידישע קינדער, ערקלער זיי אַז ס'איז טאַקע באמת זייער אָנגעשטרענגט, ס'איז דאָ מקטרגים, ס'איז דאָ זייער שווערע פּראָבלעמען, אָבער **אויב זיי וועלן יעצט האָבן אמונה מיט בטחון**, אויב זיי גייען מיך פאָלגן ווען איך וועל זיי הייסן גיין, זיי וועלן נישט מורא האָבן פון די סדרי הטבע, וואוסנדיג אַז זיי טוען יעצט די ריכטיגע זאַך, **דעמאָלט איז דער זכות פון אמונה ובטחון אַסאַך שטאַרקער פון אַלע מקטרגים!**

### אותיות מחכימות

אור החיים הק' בשלח יד, טו

וידבר ה' אל משה מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו.

קשה, ולמול מי יצעק אם לא לה' אלוקיו, ובפרט בעת צרה? עוד קשה אומרו דבר אל בני ישראל ויסעו, להיכן יסעו אם רודף מאחור והים לפניהם? ואם הכוונה אחר שיבקע הים, אם כן היה לו לומר הרם את מטך וגו' ואחר כך יאמר דבר אל בני ישראל ויסעו .

אכן יתבאר הענין על פי מאמרם ז"ל (שמות רבה פכ"א( שישראל היו נתונין בדין מה אלו אף אלו וכו'. והנה לצד שראה א-ל עליון כי ישראל קטרגה עליהם מדת הדין, והן אמת כי חפץ ה' לצדק ישראל, אבל אין כח ברחמים לצד מעשיהם כנזכר, אשר על כן אמר למשה תשובה נצחת : מה תצעק אלי? פירוש כי אין הדבר תלוי בידי, הגם שאני חפץ עשות נס, כיון שהם אינם ראוים, מדת הדין מונעת ואין כח ברחמים כנגד מדת הדין המונעת.

ואמר אליו: דבר אל בני ישראל , פירוש זאת העצה היעוצה להגביר צד החסד והרחמים , דבר אל בני ישראל ויתעצמו באמונה בכל לבם ויסעו אל הים קודם שיחלק על סמך הבטחון כי אני אעשה להם נס, ובאמצעות זה תתגבר הרחמים.

**אותיות מחכימות** — אור החיים הק' בשלח יד כז

ועוד רואני כי ליחידי סגולה היה נקרע בעל כרחו, כמעשה הובא בחולין (ז, א) ברבי פינחס בן יאיר וכו' ואם לא התנה עמו אלא ליוצאי מצרים לבד, מה כוחו של רבי פינחס בן יאיר עליו השלום להתגבר על מעשה בראשית? אכן תנאי זה הוא בכלל התנאים שהתנה ה' על כל מעשה בראשית, להיות כפופים לתורה ועמליה ולעשות כל אשר יגזרו עליהם וממשלתם עליהם

די אמונה מאַכט אַז דער איד זאל ווערן מחובר מיט'ן אויבערשטן און דעמאָלט איז ער שטאַרקער פון אַלע מקטרגים. מיט'ן זכות פון דער אמונה וועט ער קענען מצליח זיין.

## שליחו של מקום כמותו

די זעלבע בחינה שטייט אין ספה"ק **קדושת לוי**, אַז די סיבה פאַרוואָס דער ים האָט זיך געשפּאָלטן פאר נחשון בן עמינדב איז נישט געווען וויבאַלד ער האָט זיך מוסר נפש געווען, נאר **וויל ער האָט פאַרשטאַנען אַז אויב דער אויבערשטער הייסט אים גיין דעמאָלט איז ער אַ שליח פון השי"ת** און ער איז געווען פאַרזיכערט מיט בטחון אַז דער אויבערשטער וועט אים העלפן.

ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא (פרשת ויגש) אַז ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ווערט ער אַ שליח פון השי"ת. מען ווערט דעמאָלט מחובר מיט'ן אויבערשטן ווייל 'שליחו של אדם כמותו', און **אויב אַזוי קען מען דורכשניידן דעם גאַנצן סדר הטבע**, מען האָט נישט וואָס מורא צו האָבן!

## די בריאה איז נכנע פאר די תורה הק'

דא שטייט אין אוה"ח הק', אַ יסוד וואָס יעדער איד דאַרף זיך אויסלערנען זייער שטאַרק:

יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש וויל טון אַ מצוה, ער וויל גיין ווייטער, איז איינס פון די זאַכן וואָס האַלטן אים אָפּ: **די צמצומים פון טבע**. די טבע'דיגע בליק איז אים מסביר אַז: "וואָס זאָל מען טון?! מ'קען נישט טון אַהין, מ'קען נישט טון אַהער, די צייט לאָזט נישט", אָדער "עס פּאַסט נישט", אָדער "איך האב מורא"... און נאָך ענליכע סאָרט אויסריידן וואָס האָבן צוטון מיט טבע.

אבער דער אויבערשטער האָט אויסגעלערנט פאר אידן ביי קריעת ים סוף, אַז **ווען דו זעהסט אַז די בריאה איז אַ סתירה צו אַ מצוה, איז דאָס בלויז אַ נסיון!** דבר אל בני ישראל ויסעו! דו פאָר ווייטער, וועסטו זען אַז די בריאה וועט זיך צושטעלן דערצו.

## דער כלל איז גילטיג אין אַלע דורות

דער **אור החיים הק'** זאָגט דאָס מער בהרחבה אויפ'ן פּסוק "וישב הים לאיתנו", און רש"י זאָגט דאָרט: "לתנאו הראשון" - השי"ת האָט באַשאַפן די בריאה מיט אַ תנאי אַז אויב אידן זענען מקיים תורה ומצוות דאַרף די בריאה העלפן פאַר דעם מענטש אַנשטאָט זיין קעגן דעם מענטש.

דער אור החיים שרייבט דאָרט ווייטער, אַז **דאָס איז געווען אַלעמאָל און דאָס גייט ווייטער אין אַלע דורות!** אין אַלע צייטן איז געווען צדיקים וואָס קענען בייגן די בריאה, ווי די גמרא דערציילט אויף רבי פּנחס בן יאיר אַז ער האָט געקענט שפּאַלטן דעם ים. אַזוי איז אייביג ממשיך דער סדר, ס'איז די זעלבע בריאה מיט די זעלבע כללים! ערליכע אידן אין אַלע דורות קענען מאַכן אַז די בריאה זאָל זיך צושטעלן צו זיי.

## קריעת ים סוף האָט אויסגעלערנט אַ נייע סאָרט באַגריף

ווען אידן זענען געשטאַנען ביים ים סוף זענען זיי געווען אין אַ מצב, ווען זיי האָבן געוואוסט אַז זיי דאַרפן דאָ גיין אָבער זיי האָבן מורא געהאַט צו גיין ווייל די טבע הבריאה לאָזט זיי נישט. האָט זיי דער אויבערשטער געזאָגט: **"איר גייט ווייזן פאר די גאַנצע וועלט, צום ערשטן מאָל, וויאַזוי די בריאה אַרבעט! און דאָס גייט ווערן פאַרשריבן מיט גאָלדענע אותיות אין דער תורה"**.

ביז דעמאָלט איז נאָכנישט געווען קיין כלל ישראל. זיי זענען יעצט געוואָרן אַ כלל ישראל ביי יציאת מצרים, האָט זיי דער אויבערשטער געזאָגט: **"קומט, איך וועל אייך מסביר זיין אַ נייע ידיעה וויאַזוי די וועלט אַרבעט"**. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט ביים ים סוף און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טון, האָט השי"ת געזאָגט: "דבר אל בני ישראל" - איר האָט אַ נייע נאָמען! פון היינט און ווייטער הייסט איר 'בני ישראל'!

דאָס איז אַזויווי אַ פּשוט'ער אַרבעטער וואָס איז איין טאָג געוואָרן אויפגענומען אַלס דער מנהל פון דעם גאַנצן ביזנעס. אָבער ער פירט זיך נאָך אויף ווי אן אַרבעטער, ער פרעגט איידער יעדע זאַך צען מאָל... זאָגט מען אים: **"האַלאָ, דו ביזט יעצט דער בעל הבית! גיי טו צו דער זאַך!"**.

דער אויבערשטער זאָגט פאר אידן: "דבר אל בני ישראל" - איר זענט יעצט 'בני ישראל'! "ויסעו" - פאָרט ווייטער! שטעלט זיך נישט אָפּ! פרעגן אידן: "וואָס הייסט?! וויאַזוי קען מען פאָרן בשעת ס'איז דאָ אַ וואַסער?!" זאָגט זיי השי"ת: "**אָט דאָס וויל איך אייך ווייזן!** אויב איר גייט דאָס טון וועלן אידן זיך אויסלערנען אין אַלע דורות אַז וויפיל מער זיי זענען זיך מדבק צום רבוש"ע און צו זיין תורה, אַזויפיל מער וועט די בריאה זיך צושטעלן און זיין נכנע צו זיי"!

## ווען מ'איז מקבל "נעשה ונשמע" וועט די גאַנצע בריאה זיין נכנע פאַר דיר

אידישע קינדער האָבן זיך טאַקע גוט אויסגעלערנט דעם כלל. זיי זענען אריינגעשפּרינגען אין ים, און שפּעטער האָבן זיי עס געטון נאָכאַמאָל, ווען דער אויבערשטער האָט זיי געוואָלט געבן די תורה האָבן אידן זיך אָנגערופן: "נעשה ונשמע"! אָט די נעשה ונשמע איז געווען אַ תוצאה פון דעם לימוד וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ביי קריעת ים סוף.

בדרך כלל ווען מ'זאָגט פאר אַ מענטש אַז ער זאָל מקבל זיין צו אויפשטיין פרי יעדן טאָג, צו לערנען צוויי שעה יעדן טאָג, צו דאַווענען מנחה מיט קרבנות מיט אַ מנין, זאָגט ער אַגאַנצע דרשה: "הער זיך איין, מ'דאַרף זיין רעאַליסטיש, ס'איז דאָ אַלע סאָרט טעג און אַלע סאָרט מצבים, די בריאה מאַכט אַלע סאָרט צמצומים, כ'קען זיך נישט אונטערנעמען".

אָבער "נעשה ונשמע" איז טייטש אַז: ריכטיג, ביזט גערעכט, איידער איך נעם זיך אונטער קען איך טאַקע נישט זיך שלאָגן מיט די טבע, **אָבער נאָכדעם וואָס כ'בין מקבל אויף זיך דעמאָלט דאַרף די בריאה זיך צושטעלן צו מיר!**

ווען אַ מענטש זאָגט אַז ס'איז אים זייער שווער צו טון זאַכן פון 'סור מרע' אָדער פון 'עשה טוב', איז דאָס אמת! ס'איז זייער שווער, **אָבער אַ מענטש זאל וויסן אַז איינמאָל ער שפּרינגט אַריין אין ים, זאָגט ער "נעשה ונשמע"**. ער גלייבט אַז **די גאַנצע בריאה שטעלט זיך צו "לתורה ועמליה"** און ער נעמט זיך דאָס אונטער ווייל ער ווייסט אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן! איינמאָל דער מענטש איז מחובר צום רבוש"ע וועט אים שוין דער אויבערשטער העלפן אַז די בריאה וועט זיך צושטעלן צו אים!


**• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •**

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הבינני: ארה"ב - 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223

**פטרון השבוע**
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידנו **החפץ בעילום שמו**
לעילוי נשמת
הרה"ח ר' **יוסף** בן ר' **אליעזר הכהן** ז"ל
וזוג' האה"ח מרת **רבקה** בת ר' **שמעון זאב** ע"ה
ת.נ.צ.ב.ה.

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com